NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13460

IN VALD

A. Kopilenko

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

א. קאַפּילענקאָ

13|29962

אוקרמעלוכענאצמינדפאַרלאַג

שול ביבליאָטעק

א. קאָפּילענקאָ

אינ װאַלד

יִדיש — אי. ק — ס.

מעלוכע־פאַרלאַג פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהײטנ אינ אוססר
קיִעװ—1937

וואסיל סידאָראָוויטש אונ דער בלויער

מיט וואסילנ בינ איכ זייער שטארק כאווער. נאָכ די לימודימ אינ־שול קומט וואסיל אלעמאָל צו מיר צו גיינ. לאנג קלאפט ער אָפ דעמ שניי פונ די שטיוול, דערנאָכ טוט ער אויס זיינ קוטשמע מיט די גרויסע אויערנ אונ גייט ארייג א באזאכטער אינ שטוב אריינ. אז וואסיל קומט, האָבנ מיר אסאכ וואָס צו ריידנ צווישנ זיכ. מיר פארברענגענ, אונ אינ איינ גאנג האָדעווענ מיר די פייגעלעכ אונ מיר סטרויענ נייע שטייגלעכ פאר נייע פייגעלעכ ווענג.

וואסיל איז א גרויסער ליבהאָבער פונ באלעכייִמ, באזונדערס האָט ער ליב פויגלענ. אונ בא מיר אינ שטוב איז שטענדיק מיט פויגלענ אָנגעשלאָגנ, מיר האָבנ זיי טאקע צוזאמענ מיט וואסילנ אָנגעכאפט.

וואסיל איז שוינ טאקע נישקאָשע פונ א יינגל, אימ גייט שוינ דאָס נייִנטע יאָר. פרווו אפ אימ זאָגנ וואסיליאָק אָדער וואסקע, וועט ער נאָכ אפ דיר ווערנ בארויגעז אויכ. פאר אזאמינ זאכ בלאָזט ער זיכ גלייכ אָנ אונ נעמט אפ דיר קוקנ מיט אונטערגעראָבענע אויגנ... אָבער דערפאר

איז געגוג, איך זאָל אים א רופ טאָן: וואסיל סידאָראָוויטש, ווי ער צע־שמייכלט זיך און ער איז שוין גאָר ניט בארויגעז.

זעט איר שוין, ווער וואסיל סידאָראָוויטש, מײַן כאוועד, איז.

דעם וואלד מיט אלע פעלדער אונדזערע, ווי גרויס זיי זײַנען, האָבן מיר שוין צוזאמען מיט אים אויסגעמאָסטן אינדערלענג און אינדערברייט. מיר ווייסן שוין גוט, ווו וועלכע פויגלען סע גייען ארום, ווו וועלכע כײַעס. מיר ווייסן שוין, ווו סע געפינען זיך די נאָרעס זייערע מיט די נעסטן. און וואסיל איז גראדע ניט פון די, וואָס רויבירן נעסטן, אָדער וואָס פאר־ניכטן נוציקע באלעכײַים.

אפ געיעג גייען מיר קעסיידער ארויס צוזאמען. מעג זײַן אפילע דאן, ווען מיר האָבן זיך באצײַטנס ניט צונויפגערעדט, מאכט אויך ניט אויס, ווארעם וואסיל סידאָראָוויטש האָט אזא נאטור, אז ער מוז זיך ערגעץ דער־ווייסן וועגן דעם און קומט צו לויפן צו דער מינוט, צו דער רעגע.

אָט איז דאָך ערשט נעכטן א שניי אויסגעפאלן, און וואסיל איז שוין אָטאָ בא מיר אין שטוב, און איך פיל שוין, ווי ער קוקט ארויס, איך זאָל גיכער זאָגן, אז אָטאָ באלד לאָזן מיר זיך אפ געיעג.

וואסיל האָט שוין מיר אפילע באוויזן צו דערציילן, אז ער גייט זייער ווארעם אָנגעטאָן, און די קעלט שרעקט אים אפילע קיין קאָפּ ניט.

– מע זעט שוין גלײַך, אז פון וואסילן וועט אויסוואקסן דער עמעסער יעגער. מיר האָבן זיך אוועקגעלאָזן פונדערהיים איבערן פרישן שנייעלע.

אין וואלד איז שטיל... פון מאָל צו מאָל דערהערט זיך נאָר, ווי א בוים טוט א סקריפע.

די פייגעלעך האָבן זיך שוין לאנג אוועקגעלאָזן אין די ווארעמע לענ־דער. דאָ זײַנען איבערגעבליבן בלויז די, וואָס וועלן שוין בא אונדז האלטן ווינטער. די דאָזיקע פייגעלעך שרעקן זיך ניט פאר קיין פרעסט מיט קיין קעלטן, ווי אויך פאר די זאוועריכעס מיט די מעטעליצעס.

קאָלזמאן דער שניי איז נאָך דין, קאָנען די פייגעלעך זיך זייער גרינג אָפזוכן עסן, ווײַל די ביימער, די קוסטן און דער בוריאן האָבן צוגעגרייט פון זייערטוועגן פארשיידענע זוימען, קערעלעך און זיסע יאגעדעס. דאָס זעלבע קאָן מען אויספיקן די פליגעלעך, וואָס האָבן זיך באהאלטן צווישן דער קאָרע פון די ביימער.

אָט איז דורכגעפליגן איבער אונדזערע קעפ א שארע שטשעגלען, און זיי לאָזן זיך אראָפ איבער די קוסטן מיט בודיקעס. דער שטשעגל איז זייער א שיין פייגעלע, ארום -שנאָבעלע גייט בא אים א רויט רייפעלע, און די פליגלען זיינען בא אים מיט געלן באזוימט. די שטשעגלען האָבן זייער ליב די בודיק-זוימען. זיי האָבן ארומגעזעצט די בודיקעס, ווי בלומען. זיי קריגן זיך און אמפערן זיך פאר יעדער בודיק. זיי כאפן אויס איינס באם צווייטן ווי א בעסער זוימען-קערעלע. און אָט איז שוין איינער איינגאנצן זאט, האָט ער זיך ארופגעכאפט אפ א צווייגעלע און זיך צעזונגען הילכיק אפ א קאָל. ער האָט זיך צעזונגען וועגן דעם ערשטן שנייעלע, וועגן די געשמאקע זוימען-קערעלעך און וועגן דער גוטער כאווערשאפט, וואָס הערשט בא זיי אין קאָלעקטיוו...

פונויבן אפ אז אָלכע האָט זיך איינגעמאָסטעט דאָס רויטברוסטיקע כאָשעווע שנייערל און האָט זיך צעפייפט אפ זיין אויפן. מיט א בייזלעכער מינע באקוקט ער די שארע פריילעכע שטשעגלען. יאָ, דאָס שנייערל איז אלעמאָל אָנגעברויגעזט. אָבער אָט האָט דאָס שנייערל באמערקט אפ די שטעכלקעס א פאָר רויטע יאגעדעס. האָט ער איבערגעלאָזט אלע מייסעס און איז דערווייל אוועקגעפליגן כאפן א נאש.

אָנאָ שפילן אין יאָגערלעך א כעוורע טשיזשיקעס. מיטאמאָל האָבן זיי אלע געגעבן א פאל אראָפ און האָבן באזעצט איינע א בערעזע און גע- זימען פוצן די פעדערלעך אפן בייכעלע. יעדעס פעדערל באזונדערס פאר- טשעפען זיי מיטן שנעבעלע און גלייכן עס צוריק אויס. די פייגעלעך האָבן זיך ליב האלטן ציכטיק און אקוראט.

אָנאָ האָט זיך אינדערהייך אוועקגעלאָזן א שווארצער ראָב זיך זוכן רויב. עפשער וועט ער ערגעץ באמערקן א שטיקל נעווילע, אויב ניט — קאָן זיך מאכן, אז ער זאָל ערגעץ אפ א מיסט-הויפן דערטאפן א געשמאקן ביסן, וואָס איז פונקט ווי פונזיינעטוועגן אָנגעגרייט געוואָרן. זיין שפיץ דערזעט ער נאָך העט פונדערווייטנס, וויל די אויגן זיינע זעען שטארק וויט.

זייער פלינק יאָגט אָנאָ איבערן שליאך די טשוב-לערכע. נישטערט איינע אליין, לויפט ארום אָן א קאָמפאניע. זעלטן ווען מע קאָן זיי באגעגענען אין צווייען אָדער אין דרייען. דאָס איז שוין קיין נייס ניט, אז

די טשוב־לערכע האָט ניט איבעריקס ליב קיין געזעלשאַפט. אָט קוקט זי אָן, ווי זי לויפט, אליין איז זי גרוי, דאָס טשוביקל אפן קאָפ טוט זי אלע־מאָל א הייב אונטער, קוקט זיך פארוווּנדערט אום אפן ארום, דערשרעקט זיך מיטאמאָל און פאלט מאמעש צו צו דער ערד. דערנאָך לויפט זי ווייטער, קוקט ארײַן אין יעדער גריבעלע אפן שליאך. אָנאָ איז אראָפּגעפאלן א קערנדל פון א וואָגן, זייער א געשמאק קערנדל, טוט עס די גרויינקע טשוב־לערכע א כאַפּ, און אָט איז זי שוין באלד פארטיק מיטן איבערבײַסן.

וואסיל האָט ליב פויגלען דאָס כײַעס. ער האָט ליב ארומקריכן איבערן וואלד און ער האלט מיך אין איין אויספרעגן.

דאָס פרישע שנייעלע סקריפּעט אונטער די פיס. אפן ריינעם שניי איז זייער גוט צו דערקענען די שפּורן פון די האָזן מיט די פוקסן. אזוי, לויט די שפּורן, פלעגן מיר אלעמאָל אופזוכן די כײַעס גופע.

וואסיל האָט דערזען פונדערווײַטנס א בלויערל, מאכט ער צו מיר אזוי:

— זע נאָר, זע, אָן לויפט ארום א בלויערל, זע, ווי פלינק עס איז דיר קעסיידער. אך, ווי סע קער דעם זײַן פריילעך! עס קריכט זיך ארום איבער די ביימער און מידט זיך גאָר ניט אײַן. עס קאָן פיזקולטור בעסער פון אונדז. אך, ווען איך קאָן אזוי גרינג קלעטערן!

— דו האָסט דען געפּרוווט?

— אוואדע האָב איך געפּרוווט, נאָר סע באקומט זיך גאָרניט, — האָט וואסיל אומעטיק געענטפערט.

דער יאַט נעמט פונעם בלויערל קיין אויג ניט אראָפּ. דאָס פייגעלע לויפט ארום מונטער איבערן בוים, פײַפט אונטער צו זיך אליין. יעדעס צווײַגעלע באקוקט עס פון אלע זײַטן. אן אנדערש מאָל פוילט עס זיך ניט און הענגט זיך אפילע אונטער מיטן קאָפּ אראָפּ.

פלוצעם האָט זיך די גאנצע שארע שטשעגלען א שאָט געטאָן אין איינע שרעק צווישן די קוסטעס. די טשיזשיקעס זײַנען אוועקגעפלויגן זיך באהאלטן צווישן די ביימער. בלויז דאָס בלויערל האָט ניט באוויזן זיך צו באהאלטן. ס'איז מיטאמאָל אָנגעפלויגן א קאָרשאק, — שוסט — גלײַך צום בוים, און דער בלויער האָט ראכמאָנעסדיק זיך גענומען צאפּלען באם רויב־פויגל אונטער די נעגל.



וואסיל האָט געגעבן א געשריי, האָט זיך דער קאָרשאַק אופגעהויבן אינדערלופטן, אָבער איך האָב, לאנג ניט געטראכט, גלייך אָנגעצילט די ביקס און אויסגעשאָסן, און דער קאָרשאַק האָט מיט אראָפּגעהאנגענע פליגל א פאל געטאָן אף דער ערד.

— דער ערשטער איז אהינ אוועקגעפלויגן וואסיל. זעט ער, ווי סע ליגט אפן שניי א גרויסער גרויער פויגל שוין אינגאנצן טויט, אָבער דאָס בלויערל האָט ער נאָך פון די נעגל ניט ארויסגעלאָזן.

דאָ האָט וואסיל פאָרזיכטיק ארויסבאפרייט דאָס בלויערל, אָבער דאָס בלויערל איז ניט פויל און דערלאנגט דערווייל א פיק וואסילן אין פינגער. עס האָט זיך זייער בייז צעפישטשעט און זיך גענומען רייסן פון די הענט. דאָס גרינע פייגעלע האָט מיט די קליינע שווארצע אייגעלעך געהאלטן אין איין קוקן אף וואסילן.

וואסילן האָט זיך זייער ניט געוואָלט אָפּלאָזן דאָס בלויערל, אָבער מע דארף. האָט ער עס אוועקגעלייגט אף דער האנט. דאָ האָט דאָס בלויערל געגעבן א גיכן טאנץ, און ס׳איז אראָפּגעפאלן אפן שניי. ס׳האָט גענומען שפרינגען איבערן שניי, אָבער אוועקפליען קאָן עס ניט, ווארעם עס שלעפט נאָך א פליגל.

— זע, ער האָט דעם איבערגעבראָכן א פליגל, — האָט וואסיל אויסגעשריגן. — מירן עס מוזן צונעמען אהיים, ווארעם דאָ וועט עס נאָך פארפאלן ווערן.

און וואסיל האָט פונסניי געכאפּט דאָס בלויערל און עס פאָרזיכטיק געטראָגן אין דער האנט.

און קיין האָזן האָבן מיר טאקע דעם טאָג ניט באגעגנט אינערגעץ...

דער וואָלפ און די גליטשערס

זייער שיינ איז געווענ, וויאזוי דער אלטער וואָלפ האָט זיכ באקאנט מיט מײַנ כאווער וואסילנ. פארשטייט זיכ, אז וואסיל גופע האָט דעמ וואָלפ אפילע אינ די אויגנ ניט געזענ. אָבער איכ האָב אימ שוינ דערנאָכ דערציילט, וויאזוי דער וואָלפ האָט זיכ דערשראָקנ פאר די גליטשערס און איז אנטלאָפנ געוואָרנ העט־ווײַט, אזש צו זיכ אינ דער נאָרע ארײַנ.

וואסיל האָט זיכ דענסטמאָל א שיינ ביסל אָנגעלאכט!..

און פאָרגעקומענ איז די גאנצע מײַסע אָט וויאזוי...

טיפנ, געדיכטנ וואלד האָט זיכ געלעבט אנ אלטער גרויער שלימאזל א וואָלפ.

בא די גראָבע ביימער האָבנ זיכ אינדערהייכ די צווײַגנ איבערגעפלאָכטנ. ביימער זײַנענ דאָרטנ געוואקסנ פארשיידענע. טאָמער דארפט איר — דעמבעס און בערעזעס, טאנענ און סאָסנעס, אָסיקעס און אָלכעס, אלצ איז דאָרטנ געווענ.

און אינעמ דאָזיקנ געדיכטנ וואלד האָט זיכ דער וואָלפ געוווינט. צוריק מיט יאָרנ האָט א גרויסער ווינט אײַנגעוואלגערט א געזונטנ דעמב. האָט זיכ דער וואָלפ צווישנ די וואָרצלענ פונעמ דאָזיקנ בוימ אײַנגעמאָסטעט זײַנ נאָרע, אפ אונדזער לאָשנ הייסט עס א שטוב.

איצט איז אקוראט ווינטער אינדרויסנ. שניי איז הײַנטיקס יאָר אויסגעפאלנ אסאכ. וואלגערנ זיכ דורכ די לאפעס טיפ אינ שניי, און ס'איז אימ שווער צו לויפנ.

לעבנ לעבט זיכ דער אלטער שלימאזל אָט וויאזוי:

דעמ גאנצנ טאָג שלאָפט ער בא זיכ אינ דער נאָרע, און באנאכט לאָזט ער זיכ אוועק אפ געיעג. אָבער אומ ווינטער איז דעמ אלטנ וואָלפ שווער זיכ נאָכצויאָגנ נאָכ פויגלענ און כײַעס.

זומער איז אינגאנצן אנדערש. די קוסטן זייַנען געדיכט, דאָס גראָז — הויך. ס׳וואקסט אָן אָן א שיר בוריאַן, און ס׳איז אומעטום זייער גרינג זיך צו באהאלטן. רויב אין וואלד איז דאָ, כאָטש האטע א בריק. א מעציע א גרויסע זיך אונטערגאנוועגען זומער צו א העזל אין גראָז. איין שפרונג — און דאָס העזל איז שוין פּארטיק. ווי איז גאָר מעגלעך, אז די פייגע־לעך אָדער די כיַיעלעך זאָלן זיך קאָנען אויסבאהאלטן פונעם אלטן רויבערס נעגל! אסאך באלעבאַטים פארניכט זי, די דאָזיקע כיַיע.

אָבער איצט... אָט האָט ער זיך נעכטיקע נאכט געיאָגט נאָך א האָז איבערן גאנצן וואלד. זיך געיאָגט און געיאָגט, און ס׳איז גאָרניט ניט ארויסגעקומען. ער האָט זיך טאקע געמוזט לייגן א הונגעריקער שלאָפן. ער האָט נאָר איבערגעכאפּט מיט א פּאָר קליינע פּישעלעך, וואָס די פּי־שערס האָבן פארגעסן לעם דער פּאָלאָנקע.

א גאנצן טאָג איז דער אלטער וואָלף געווען בייז, אפילע אין שלאָף. ער פילט, ווי די קעלט נעמט אים שרעקלעך דורך, ס׳איז אים אומהיימלעך און עס ווילט זיך שטארק עסן.

ס׳איז נאָך אפילע ניט גוט פינצטער געוואָרן, איז דער אלטער וואָלף ארויסגעקראָכן פון זייַן נאָרע, ער האָט זיך ארומגעטרייסלט, האָט א שמעק געטאָן מיט אן אופגעהויבענער נאָז די לופט און האָט א ניס געטאָן:

— אפּטשכי! אפּטשכי!

אך, האָט זיך אים געגלוסט עפּעס א ביס טאָן, און ס׳איז בא אים געבליבן, אז ער גייט היַינט אין דאָרף אריַין, עפשער וועט ער זיך פּאַזשיווען מיט עפּעס לעם דעם קאָלווירט. נישקאָשע, א שעפּעלע צעריַיסן, און אויב סע וועט זיך פּאקן א כאזערל לעם די שטאלן, מאכט אויך ניט אויס. אויב נישט, טאָ זאָלן זיך כאָטש מאכן א פּאָר געגנדז אָדער קאטשקעס צום דער־שטיקן.

ער איז אוועק צום דאָרף צו.

מיט וואסילן איז דער וואָלף ניט געווען באקאנט ביז צום היַינטיקן טאָג. און היַינט האָט ער אים דאָס ערשטע מאָל דערזען אפן טיַיך.

וואסיל איז נאָך באלד נאָך ווארמעס געקומען אהין זיך גליטשן אפן אַיַיז. זייַן הונט מורקאָ, א גרויסער, קאָלאָשמאטער, א גוטער כאוער, איז אויך מיט אים צוזאמען אהער געקומען.

ער האָט ליב גיין אומעטום אהין, וווהין זײַנ באַלעבאָס גייט, און אפילע זיך שפּילנ מיט אים אין פאַרשיידענע שפּילנ.

אָבער ער איז זיך דורכגעלאָפּנ א פּאָר מאָל איבערנ אײַז און איז גלײַך אנטלאָפנ געוואָרנ צוריק אהיים. וואָרעמ וואסיל פליט פײַל־אויסנ־בויגנ מיט זײַנע גלאנציקע גלײטשערס איבערנ הוילנ אײַז, און מורקאָ גליטשט זיך און האלט אין איינ פאַלנ.

איצט איז שוינ וואסיל איינער אליינ אפּנ אײַז. די גליטשערס, ווי געערעדט, זײַנענ בא אים נײַ און גלאנצנ אזש, עמעסע „סנעגורקעס". שפּעטער־צו איז מיקאָלקע אויך אהער צוגעקומענ מיט זײַנע גליטשערס. בא מיקאָלקענ זײַנענ די גליטשערס „ענגלישער ספּאָרט", און אלע האלטנ, אז וואסילס „סנעגורקעס" זײַנענ בעסער.

די כעוורע גליטשנ זיך פריילעך, אז ס'איז א מעכײַע. דו פליסט, און דער ווינט פרישט דיר דעמ פּאָנעמ. דער פראָסט צופּט דיך פונדערגרינג בא די באקנ, און די כעוורע גליטשנ זיך, אז א רויך גייט.

און דאָ האָט טאקע דער אלטער וואָלף דערזענ וואסילנ, ער האָט זיך געווענ אונטערגעלייגט, דער אלטער, אונטער א קוסט, געמיינט צוווארטנ אביסל, ביז ס'וועט גוט פינצטער ווערנ, ער זאָל קאָנענ אומבאמערקט זיך דורכשמוגלענ אין דאָרפ ארײַנ. און דאָס דאָרפ געפינט זיך פונ יענער זײַט טײַך. וואסיל און קאָלקע הייבנ ניט אָנ צו זענ דעמ וואָלף, וואָס ליגט צווישנ די קוסטעס באהאלטנ, אָבער ער זעט גוט, ער זעט די כעוורע און קאָנ זיך ניט אָפּוווּנדערנ, וויאזוי זיי לויפנ עס אזוי פלינק און אזוי גרינג איבערנ הוילנ אײַז. באזונדערס וואסיל אפ זײַנע „סנעגורקעס".

דאָס ערשטע מאָל, אז דעמ אלטנ וואָלפ קומט אויס צו זענ אזא זאך, אז אזעלכע קליינע מענטשעלעך זאָלנ אזוי פלינק ארומפליענ איבער דעמ אײַז.

ער קוקט און קוקט און גלייבט ניט זײַנע אייגענע אויגנ. וואָס וועט ער טאָנ, אויב די דאָזיקע קליינע מענטשעלעך זײַנענ אימשטאנד זיך צו יאָגנ אויך איבער דער ערד פּונקט אזוי פלינק, ווי איבערנ אײַז? דענסטמאָל איז ער גאָר פארפאלנ מיט די ביינער, ווײַל קוים דערזעענ זיי אים, אזוי הערנ זיי זיך לאָזנ נאָך אים יאָגנ און זיי וועלנ אים ערגעצ דערשיסנ צווישנ די געדיכטע ביימער — אים, דעמ אלטנ וואָלפ דעמ שלימאזל.

נאָך אזעלכע קלערענישנ האָט דעמ וואָלפ ארומגעכאפּט א גרויסע

שרעק. און אזויווי אפצולאָכעס האָט זיך נאָך וואסיל א לאָז געטאָן גלייך צום ברעג אהינ, ווו דער אלטער וואָלף איז געלעגנ א הונגעריקער. אָט־אָט פארפליט ער אהער צווישנ די קוסטעס.

דאָ האָט דער אלטער רויבער מער ניט אויסגעהאלטנ און זיך א לאָז געטאָנ מיט אלע קויכעס צום וואלד צו. ער זינקט טיף אינ שניי און לויפט ווייטער. אזוי ארום, האָט ער דאָס דאָרפ טאקע נישט אָנגעקוקט, זיך איבער־געשראָקנ פאר די גליטשערס...

און די כעוורע האָבנ דערווייל זיך געשפילט אינ איבעריאָגערלעך.
אך, ווי פריילעך ס׳איז זיך גליטשנ אפנ גלאטנ אייז!

פֿלוצעמדיקע שרעק

עס האָט אָנגעשאָטנ א פֿולער וואלֿד מיט שניי. דער שניי איז אזוי ווײַס אונ אזוי פֿוכיק. גיינ ווינטער איבֿערנ וואלֿד איז ניט פֿונ די גרינגע זאכנ, אָבֿער אפֿ שניי־שיכ — איז פֿאָר, ווּהינ דאָס הארצ גלוסט.

איצט איז דער וואלֿד שטילֿ, בֿלויז דער שניי גלאנצט אונ סקריפֿעט אי־נעמ גרינגנ פֿרעסטלֿ צווישנ די הויכע טאנענ, סאָסנעס אונ דעמבֿעס.

— ריפֿ־ריפֿ...

די באַשעפֿענישנ אינ וואלֿד שרעקנ זיכ ניט פֿארנ שניי, אונ דער פֿראָסט קימערט זיי אויכ ניט שטארק. די כײַעלֿעכ גייענ אָנגעטאָנ אינ ווארעמע פֿעלֿצעלֿעכ, די פֿייגעלֿעכ זײַנענ ארומגעהילֿט מיט געדיכטנ פֿוכ, אונ זיי קאָנענ זיכ פֿרײַ ארויסגיינ זוכנ שפּײַז...

אונטער אנ אלֿטנ דעמבֿ, צווישנ די וואָרצלֿענ, האָט זיכ די מויז נאָכ אומ זומער אויסגעגראָבֿנ א גריבֿעלֿע, אָנגעטראָגנ אהינ גרעזעלֿעכ אונ טרוקענעמ מאָכ. אזוי ארומ האָט זי זיכ אויכגעמאָסטעט א ווארעמע נעסט. איצט איז איר דאָ ווארעמ צו שלֿאָפֿנ. נאָכנ שלֿאָפֿ האָט זי א טראכט געטאָנ, אז סע וואָלֿט ניט געשאט ארויסגיינ כאפֿנ א שפּאציר. זי האָט געגעבֿנ א קוק ארויס פֿונ איר נעסט, זעט זי, אז דער וואלֿד איז שטילֿ אפֿנ גאנצנ ארומ, נאָר דער שניי בֿלישטשעט.

דאָס שטעגעלֿע, וואָס די מויז האָט אויסגעטראָטנ אפֿ אירע קעסיידער־דיקע שפּאצירנ, איז איצט פֿארשאָטנ מיט שניי. בֿיז עפּעס איז די מויז ארופֿ־געקראָכנ אפֿ אנ אָפּגעהאקטנ שטאמ אונ זיכ ווידער גענומענ ארומקוקנ. ערשט, זי זעט, אז דער ווינט האָט פֿונ ערגעצ געבֿראכט צו טראָגנ אהער א טרוקנ זוימעלֿע. אופֿגענאשט דאָס זוימעלֿע אונ איצט איז זי גרייט אבֿיסלֿ אויספּוצנ דאָס אייגנ פֿעלֿצעלֿע. זי האָט זיכ אָבֿער נאָכ ניט באַוויזנ א קער־

טאָג, האָט זי דערזען, אז עפּעס א גרויס שווארצ באשעפעניש האָט געגעבנ א פאל אפנ דעמבּ־שטאם. דאָ האָט זיכ די מויז דערשראָקנ ניט אפ קאטאָוועס. סאָנים האָט זי דאָ איבּערגעגנוג, האָט זי לאנג ניט געטראכט, אונ שורק — צו זיכ אינ דער נאָרע ארײַנ. דאָרט זיצט זי א פארטײַעטע, אָבּער אינ דער זעלבּער צײַט איז זי צופרידנ, וואָס זי האָט זיכ געראטעוועט פונ דער שרעקלעכער אָנשיקעניש.

וואָס־זשע קער עס זײַנ פאר א נאפודעלע, וואָס האָט אזא פאל געטאָנ אהער אפנ דעמבּ? דאָס מײַזעלע האָט פּאוואָלינקע גענומענ ארויסקוקנ פונ דעמ נאָרעלע ארויס אונ דערזען, אז דאָס איז מער ניט ווי א פּיקהאָלצ, וואָס איז געקומענ צו פליִענ זוכנ זיכ זשוקעלעכ צווישנ דער קאָרע. נו, דאָס איז שוינ גיט אזוי שרעקלעכ. דער פּיקהאָלצ האָט א קרעפּטיקנ שנאָבּל, אונ די לאפּקעס זײַנענ בּא אימ, ווי די האָקנ. קלאמערט ער זיכ מיט זיי אײַנ אינ דער קאָרע פונ בּוימ אונ קריכט זיכ ארומ, ווו ער וויל — ארופ, אראָפּ, אָט פונ דער זײַט, אונ אָט פונ דער צווייטער: טוק־סטוק מיטנ פּיסק, טוק־סטוק מיטנ שטארקנ.

ער האָרעוועט, דער פּיקהאָלצ, געשמאק, אז שפּענדלעכ פליִענ אזש.

אָט האָט זיכ פארשטעקט צווישנ דער קאָרע א זשוקעלע א שעדיקער. עס קלײַבּט זיכ דאָ איבּערווינטערנ, אונ אז ס׳וועט קומענ דער ווינטער, וועט ער אָנהייבּנ שאָדנ בּרענגענ דעמ בּוימ... אָבּער דער פּיקהאָלצ האָט אָפּגעקאלופּעט א שטיקעלע קאָרע, געכאפּט א קוק — יאָ, דאָס זשוקעלע איז דאָ, טוט ער א כאפּ אונ שלינגט עס אײַנ. אָט אזוי האָרעוועט ער אָפּ, דער פּיקהאָלצ, א טאָג א טאָגעדיקנ אונ בּרענגט אומ דערווײַל די שעדיקער, וואָס בּאהאלטנ זיכ אויס אונטער דער קאָרע.

אויבּ אזוי, קלערט זיכ די מויז, קענ מענ ווידעראמאָל ארויסקריכנ פונ דער נאָרע. אָבּער פונוואנעט־פונ־ווו האָט געגעבּנ א שפּרונג אהער אפנ אָפּגעהאקטנ שטאמ א וועווערקע: אינ די פּיסלעכ האלט זי א סאָסנע־ניסל. אָט וועט זי עס צעקנאקנ אונ פּראוועג אנ אָנבּײַסנ. די וועווערקע קוקט זיכ גוטמוטיק אי אפ דער מויז, אי אפנ פּיקהאָלצ, אונ זוכט דערווײַל דאָס יאָדערל ארויסצובּאַקומענ.

אינ וואלד ארומ איז זייער שטיל. בּלויז דער שניי בּלישטשעט. דער פּיקהאָלצ פּיקט דעמ בּוימ, אונ די וועווערקע אייסעקט זיכ מיטנ סאָסנע־ניסל.

אָבער אָנאָ שפּרינגט שוין דאָרטן עמעצער ווײַטער צווישן די קוסטן און טרוקענעם בוריאַן. ווער קער עס זײַן? דער פּיקהאָלץ האָט א שטילן פּישטשע געטאָן און איז געבליבן שטיל. די ווערעווערקע האָט זיך אָנגעשפּיצט, און די מויז קלײַבט זיך שוין ניט אנטלויפן, וואָרעם סע גלוסט זיך איר אויך באטראכטן די דאָזיקע גרויסע כײַע. וויבאלד אז די ווערעווערקע אנטלויפט ניט, דער פּיקהאָלץ ארבעט זיך רויִק, איז א סימען, אז די כײַע איז ניט קיין בייזע.

א־א, איצט ווייסט זי שוין, די מויז, דאָס איז דאָך דער באוואָקסענער האָז, וואָס זוכט זיך א שטיל ווינקעלע, ווו ער זאָל קאָנען אָפּרוען. ער האָט נאָרוואָס ארומגעטאנצט ארום דעם ווילדן בארן־ביימעלע און דאָרט א הרייזע געטאָן אביסעלע קאָרע, און פון דאָרטן איז ער געקומען צו שפּרינגען גלײַך אהער צום פּעניאָק, ווו די מויזן־נאָרע געפינט זיך. דאָ וועט ער זיך טאקע אביסל אָפּרוען. כײַעס זיצן דאָ אלע שטילע. טאָמער וועט זיך פון ערגעץ אראָפּווײַזן א פוקס אָדער א וואָלף, וועט זיי דער פּיקהאָלץ אָדער די ווערעווערקע דערזען נאָך פונדערווײַטנס. קוים וועלן זיי נעמען דעם וועג, וועט דער האָז אויך שטעלן פיס. נישקאָשע, זיי וועלן אים ניט דעריאָגן... דער האָז האָט זיך גאָרניט געשטויסן, אז א פוקס האָט שוין לאנג אויסגעשמעקט זײַן שפּור און ער גיט שוין אָפּ אים אכטונג.

העזעלע האָט זיך אויסגעגראָבן א גריבל אונטערן פּעניאָק און איז דאָרטן גלײַך אײַנגעדרעמלט. א פעלצל האָט ער אָפּ זיך א פוכיקס, און ליגן ליגט ער גיט אנטקעגן דעם ווינט, איז אים ווארעם. די מויז דרייט זיך ארום ביט ווײַט און זוכט זיך עפּעס שפּײַז.

אָבער דער פוקס האָט פונדערווײַטנס דערזען דעם פּיקהאָלץ מיט דער ווערעווערקע, האָט ער זיך צוגעזוצט שטילערהייט, וואָרעם ער האָט געוווסט, אז זיי וועלן אופוועקן דעם האָז, ווי נאָר דער פוקס וועט זיך נעמען דערנעענטערן אהער צום פּעניאָק, און דאן מעג זיך אים איבערגלוסטן כאפּן דעם פלינקן האָז. זיצט זיך דער פוקס און ווארט.

ארום איז דערווײַל שא־שטיל, אָבער אָטאָ האָט זיך צעסקריפּעט פונווײַטנס דער שניי. דער טרוקענער בוריאַן האָט גענומען שורשען, און א צווײַג האָט זיך אָפּגעקלאפּט אָן א בוים. מע הערט, ווי עמעצער רעדט.

— זע נאָר, זע, אָנאָ שפּרינגט ארום א ווערעווערקע!... און אָט האָט א

האָז אוועקגעיאָגט. א פוקס! א פוקס האָט זיך דורכגעגליטשט אין די קוסטן!

די כײַעס האָבן זיך מיטאמאָל צעשאָטן אף אלע זײַטן, און די מויז איז פארקראָכן צוריק אין איר נאָרע ארײַן און זיצט. זי זיצט און האָט אפילע מוירע די נאָז ארויסשטעקן.

און געוועגן זײַנען עס מיר ביידע: איך און וואסיל. דאָס זײַנען מיר אזוי אראָפגעקומען אין וואלד ארײַן און אָנגעבראכט אזויפיל פלוצעמדיקע שרעק.

מיר האָבן ביידע באטראכט די שפורן אפן שניי און ויסגעלייענט דאָרטן דאָס אלץ, וועגן וואָס מיר האָבן אײַך נאָרוואָס דערציילט.

פאַר פֿויגלען א גאָרקיכ

אַלע כעוורע האָבן וואסילן זייער מעקאַנע געוועזן. און וויאַזוי זאָל מען ניט מעקאַנע זײַן! דאָס בֿלויערל, וואָס מע האָט ארויסגעריסן באַם קאָרשאַק פֿון די נעגל, האָט זיך שוין אײַנגאַנצן צוגעוווינט צו דער שטוב. וואסיל האָט אויסגעהאַקט פֿון זײַנעטוועגן א גרויסע צווײַג און זי צוגעפֿעסטיקט צו דער וואַנט. אָפֿ דער דאָזיקער צווײַג פֿלעג דאָס בֿלויערל זיך ארומקלעטערן, ווי אַן עמעסער אקראָבאַט.

וואסיל פֿלעג דעם בֿלויערל גיבֿן עסן אַלע מאָל. אָט שיט ער דעם אָן אַביסל קאַנאָפּליעס, און דאָס בֿלויערל פּיקט. פֿון אײַנזעקטן איז אין שטוב שוין קיין סימען ניטאָ. דאָס איז דיר אַזאַ פֿויגל, וואָס קריכט אומעטום, קוקט ארײַן אין יעדער שפּעלטיקל. באַמערקט עס נאָר א פּרײַס, ווערט שוין דער פּרײַס פֿון אים קיין לעבעדיקער ניט אַוועקגיין. ער צילט זיך אָן אָפּ אים מיט זײַן לאַנגן, שוואַרצן און דינעם פּיסק, און דער פּרײַס איז שוין קאַפּוט, דאָס בֿלויערל האָט אים אײַנגעשלונגען.

אין שטוב איז זיך וואַרעם, און אינדרויסן רעוועט די מעטעליצע. ס'האָט אָנגעווייעט אַזויפֿיל שניי, אַז מע זעט שוין אַפילע ניט ארויס די פּלויטן. אַלץ איז באַדעקט מיט שניי.

א גאַנצן פֿרימאָרגן האָט וואסיל געהאָלפֿן דעם טאַטן אָפּוואַרפֿן דעם שניי און דורכשאַרן א שטעגעלע.

דערנאָך איז מיקאָלקע געקומען צו וואסילן צוגאַסט. האָבן די ייִנגלעך ווײַטער גענומען באַטראַכטן, וויאַזוי דאָס פֿייגעלע שפּרינגט אום צופֿרידן.

— גוט איז דעם, — מאַכט מיקאָלקע, — אַז סע זיצט אין א וואַרעמער שטוב, און מע גיט דעם עסן. וואָס זאָלן אָבער טאָן אַלע איבעריקע פֿייגעלעך, וואָס זײַנען אָפּ דער פֿרײַ? דער בוריאַן איז פֿאַרווייעט מיט שניי,

און די פֿייגעלעך האָבן, נעבעך, ניט וואָס צו עסן. אָנאָ איז אָנגעפֿלויגן א פֿול דאָרף, זיי שפּאַרן זיך מאמעש אַלײן אין שטוב אַרײַן.

בא די רייד האָט זיך וואסיל מאָדנע א כאַפּ געטאָן.

— זאָג נאָר, מיקאָלקע, — מאכט ער, — ווי וואָלט געווען, ווען מיר מאכן א גאָרקיך פֿאַר פֿויגלען?

— וואָס פֿאַר א גאָרקיך? — האָט מיקאָלקע ניט פֿאַרשטאנען.

וואסיל האָט אים גלײַך דערקלערט.

— מירן צוסטרויען ניט קיין גרויסע בּרעט און מירן זי אופֿהענגען אַף א בּוים. יעדן טאָג וועלן מיר דארפֿן טראָגן אהין קערנער, בּרעקלעך פֿון בּרויט און שטיקלעך קרויט, זאָלן די פֿייגעלעך האָבּן וואָס צו עסן.

מיט דעמ־אָ פּלאן זײַנען געקומען די כעוורע צו מיר זיך אן אייצע האלטן.

האָבּ איך דערציילט די כעוורע, וויאַזוי זיי קענען עס מאכן, און אזוי־ארום טאקע אָפּראטעוועט די פֿייגעלעך פֿון א הונגער־טויט.

און דאָס ווייסן שוין די כעוורע פֿון לאנג, אז וואָס מער פֿייגעלעך ס'וועלן בא אונדז זײַן, אלץ ווינציקער שעדיקער וועלן בלײַבּן אין די סעדער און אַף די פֿעלדער, ווײַל די פֿייגעלעך פֿאַרניכטן די שעדיקער־אינזעקטן.

די כעוורע האָבּן זיך א־נעם געטאָן צו דער זאך מיט גרויס פֿלײַס. זיי האָבּן אָפּגעזוכט א בּרעט, זי ארומגעשלאָגן מיט קליינע לײַסטלעך, אז דער ווינט זאָל ניט אראָפּבּלאָזן די קערנער פֿון דאָרטן. אין אלע פֿיר ווינקלען האָבּן זיי צוגעבּונדן פֿיר שטריקלעך, די בּרעט זאָל האָבּן אַף וואָס צו הענגען, — און די גאָרקיך איז שוין פֿאַרטיק.

— בא אונדז וועט טאקע זײַן די בּעסטע גאָרקיך! — האָט מיקאָלקע אויסגערופֿן. — די פֿייגעלעך וועלן עסן אלע צוזאמען און וועלן לעבּן גוט צווישן זיך.

די כעוורע האָבּן אָנגעשריבּן אַף די לײַסטעלעך פֿון דער בּרעט:

„א גאָרקיך פֿאַר פֿויגלען".

דאָס איז פֿון איין זײַט אזוי, און פֿון דער צווייטער איז געווען אזא מין אָנשריפֿט:

„פֿאַר שעדיקער און רויבּער ארײַנגאנג פֿאַרבּאָטן".

דערנאָך האָבן די כעוורע אָנגעלייגט אין די קעשענעס פאַרשיידענע
קערנער, בּרעקלעך און שטיקלעך, האָבּן אָנגעטאָן די שניי־שיך און זיך
אַוועקגעלאָזט אין וואַלד אַרײַן. וואַסיל האָט אַרופגעקלעטערט אַפ אַ מי־
ער אַהין אָנגעשאָטן שפּײַז פאַר די פייגעלעך. דערנאָך האָט
טעלער אָסיקע און האָט דאָרטן אײַנגעמאָסטעט די בּרעט. דערנאָך האָט

בּיז די געסט וועלן אַהער אָנפליִען, האָבּן די כעוורע בּאַשלאָסן זיך
אַבּיסל דורכפאָרן אַפ די שניי־שיך.

ווינטער איז אין וואַלד אַ מעכײַע צו פאָרן אַפ די שניי־שיך. אַפן
וואַלד־פּליך, ניט ווײַט פון יאַר, שטייט אַ לאַנגער בּאַרג. דער ערשטער
פליט וואַסיל, מיקאָלקע — נאָך אים. די שניי־שיך טראָגן דיך מיט אַזאַ
שנעלקײַט, אַז סע שטעלן זיך אַזש טרערן אין די אויגן. אָבּער אָט האָט
וואַסיל אַפן בּערגעלע ניט בּאַוויזן אונטערשפּרינגען און האָט זיך איבּער־
געקערט אין שניי. ווו איז ער? ניטאָ אים. ער איז אינגאַנצן פאַרזונקען
אין שניי. און מיקאָלקע איז מיט אַ געלעכטער אַוועקגעפלויגן ווײַטער.

זיך אָנגעלאָפן אַפ די ליזשעס, וויפל דאָס האַרץ גלוסט, האָבּן זיי זיך
געלאָזן אַהיים און האָבּן אָפּגעקערעוועט כאַפּן אַ קוק, וואָס הערט זיך לעם
דער גאָרקיך. האָבּן זיי דאָרטן טאַקע געטראָפן דעם עמעסן גרויסן מאָל־
צײַט. ס'זײַנען אָנגעפלויגן אַהער די טומלדיקע שטשעגלען, אַבּיסל טשי־
זשיקעס, אומעטיקע פינק־פייגעלעך, אַ שנייערל האָט זיך זייער בּעקאָוועדיק
בּאַזעצט אַפן לײַסטל. דאָס האָבּער־פייגעלע קוקט זיך אַרום האַלבּ דער־
שראָקן, און אַפילע דאָס שפּערל, דאָס גרויע שפּרינגערל, פוילט זיך ניט
און שאַרט זיך צו קלוגיטשקערהייט צו דער סודע. אָנאָ איז אָנגעפלויגן
אַ בּלויערל, האָט זייער פאָרזיכטיק אופגעכאַפּט אַ קאָנאָפּליע־קערנדל
און איז מיט דעם אַוועקגעפלויגן אַפ אַ צווײַג, דאָרט עס אָפּגעשיילט,
אײַנגעשלונגען דאָס יאָדערל — און צוריק...

די כעוורע זײַנען זייער פריילעך, וואָס זיי האָבּן אָנגעהאָדעוועט
אַזויפיל פויגלען.

און אַזוי האָבּן שוין וואַסיל מיט מיקאָלקען געהאַט אַן אַרבּעט אַפ אַ
גאַנצן ווינטער, האָדעווען דאָס פייגל־פאָלק.

די פויגלען אין וואַלד האָבּן שוין אַלע געוווּסט, ווו די גאָרקיך גע־
פינט זיך, און זיי פלעגן יעדן טאָג זי בּאַזוכן און כאַפּן אַן איבּערבּײַס.

סע קען זייער זײַן, אז די פייגעלעך האָבן געוווּסט, ווער ס'האָט זיי אינזינען.

און זיי האָבן וועגן ביידע כעוורע — וועגן וואסילן און מיקאָלקען — געזונגען פריילעכע לידער.

אַ נעסט, וואָס איז געבליבן פוסט

דער סאמע פריילעכסטער פון די פרילינג־כאדאָשים איז דער כוידעש מײַ. אַט טוט נאָר אומיסטנ א קוק. טאָג אונ טאָג צעלאָזנ זיך מערער בלעטער אפ די ביימער, נײַע פרישינקע בלעטער, צארטע אזעלכע אונ גרינע.

הײַנט, וויפל נײַע בלומענ זײַנענ צוגעקומענ! די בלויע שווערד־ליליע האָט שוינ אָפגעבליט, אונ צווישנ די קושטשיקלעכ פרישנ גראָז האָבנ צווישנ די ביימער זיך צעבליט די העלבלויע פײַלכנס, ווײַסע צאפלדיקע מײַ־גלעקעלעכ הענגענ אפ דינ־דינינקע שטענגעלעכ, ווי אפ פיסעלעכ אזעלכע, אונ שמעקנ אזוי וואונדערלעכ שיינ. אונ נאָר די? סע זײַנענ פאראנ אָנ א שיר געלע, ראָזעווע אונ בלויע בלימעלעכ.

טאקע זייער א פריילעכער כוידעש, דער כוידעש מײַ.

די כעוורע זײַנענ זיך צונויפגעלאָפנ אפ דער גאס. ווהינ גייט מענ זיך שפילנ? וואסיל גיט אוּפ:

— לאָמיר גאָר גיינ אינ וואלד. דאָרטנ וועלנ מיר זיך אי שפילנ, אי אָנרײַסנ קווייטנ.

מיקאָלקע, פונ זײַנ זײַט, גיט אויכ צו:

— אָ, יאָ, אינ וואלד איז טאקע זייער גוט. נעכטנ האָב איכ אליינ געזענ א יאשטשערקע א גרינע אונ אזא פלינקע. זי איז אנטלאָפנ געוואָרנ צו זיכ אינ דער נאָרע ארײַנ, אונ איכ האָב זי ניט געקענט כאפנ... אָבער איכ וועל סײַווי אהינ ניט גיינ.

— וואָסי דענ? — האָבנ די כעוורע א פרעג געטאָנ.

— דערפאר, — האָט מיקאָלקע געענטפערט, — וואָס וואסיל האָט דאָרטנ געזענ א נעסט פונ א קראפּיוויִצע אונ וויל זי קיינעם ניט ווײַזנ.

דאָ האָט זיך איטלעכן זייער פּאַרוואָלט אָנקוקן די נעסט. אַך, ס'איז דאָך טאַקע אינטערעסאַנט! און אַלע האָבן זיך גענומען בעטן בא וואַסילן, ער זאָל זיי ווײַזן, וווּ דאָס פייגעלע וווינט.

מיקאָלקע, יאַשקע און האַליע זאָגן אַזוי:

— דו לאָז אונדז נאָר מיט איין אייגעלע אַ קוק טאָן. מיר זאָגן דיר צו, אַז מירן זיך אַפילע צו איר נישט צורירן, מירן נאָר טאָן איין קוק און די רעגע אַנטלויפן.

— וואָרעם מע טאָר ניט כאָרעוו מאַכן קיין נעסטן פון די פייגעלעך, וואָס ברענגען אונדז נוצן. די דאָזיקע פייגעלעך זײַנען אונדזערע פרײַנט, — האָט וואַסיל געענטפערט, — אַפילע איך אַליין גיי אהין זייער זעלטן. און אַז איך קום צו גיין, זעץ איך זיך אַוועק פונדערווײַטנס און קוק, וויאַזוי די מאַמע, דאָס פייגעלע, זיצט אַף די אייעלעך, דער טאַטע פון די פייגעלעך זיצט לעם איר און זינגט, קעדיי זי פאַרווײַלן. וואָרעם איר איז דאָך אומעטיק אַזויפיל צו זיצן איינע אַלײַן. דערנאָך פליט זי אַרויס פון נעסט, קעדיי עפּעס איבערכאַפּן, נעמט ער און זעצט זיך אַף די אייעלעך, זיי זאָלן זיך ניט אָפּקילן. אינגיכן וועלן זיך דאָרטן אויסלופען קליינינקע פייגעלעך, וועל איך ווײַטער גיין אַף זיי קוקן.

— טאָ באַווײַז אונדז אויך, וווּ דאָס איז, — האָבן זיך די כעוורע גענומען בעטן בא וואַסילן.

— איך וועל דיך לאָזן צען מאָל אויסשיסן פון מײַן ראָהאַטקע, — האָט יאַשקע אָנגעבאָטן.

— און איך וועל דיר שענקען אָט די דאָזיקע פּרוזשינע, — האָט האַליע צוגעגעבן.

— און איך וועל דיר געבן אַ שטיקל בלעך אַף מאַכן אַ שווערד, וועסטו שוין האָבן אי אַ פּיסטויל, אי אַ שווערד, — האָט שוין מיקאָלקע אויפגעגעבן, — אַך, וועל איך עס דענסטמאָל שפּילן אין רויטאַרמייער!

אַך, סאַרא סאַך ציקאַווע זאַכן מע לייגט עס פאָר וואַסילן! צען מאָל אויסשיסן פון ראָהאַטקע! אַ פּרוזשינע! אַ שווערד! וואַסיל האָט שוין מער ניט געקענט בײַשטיין און זיך אָנגערופן:

— נו, גיט אהער מיטאַמאָל די אַלע זאַכן, און איך וועל אַפריער אויסשיסן אַלע צען מאָל פון דער ראָהאַטקע, דערנאָך וועל איך אײַך ווײַזן.

— און דו וועסט ניט אָפּנארן? — האָבּן די כעוורע א פרעג געטאָן מיט אומצוטרוי.

— ניין, — האָט וואסיל געענטפערט.

— אפ דיין פּיאָנערישן וואָרט?

— אפ מיין ערן־פּיאָנערישן וואָרט, אז איך וועל אייך וויַיזן דעם פּיי־געלעס נעסט, נאָר מיט איין טנאַי, אז איר זאָלט נאָר צוגיין א קוק טאָן און גלייך צוריק. מאסקים?

— מאסקים.

וואסיל האָט באקומען די פרוזשינע און דעם שטיק בלעך אפּ א שווערד, און מע איז אוועק אין וואלד אריין. אפן וועג האָט ער נאָך צען מאָל אויס־געשאָסן פון דאָהאטקע. און מיקאָלקע מיט די איבעריקע קינדער האָבּן אים זייער מעקאנע געווען.

די כעוורע זיַינען אזוי לאנג געגאנגען, ביז מע איז געקומען צו א ריווּל, וואָס איז באוואָקסן מיט נידעריקע קוסטן־ביימלעך. דאָ האָט זיך וואסיל צוגעבויגן און האָט זיך פארטיַיעט. אלע כעוורע האָבּן אים נאָכ־געטאָן. דאן האָט וואסיל אינדערשטיל א וויַיז געטאָן די כעוורע אפּ איין ביימעלע, נאָר קיינער האָט דאָרט גאָרניט ניט געזען, וואָרעם די פייגע־לעך קאָנען אזוי גוט אויסבאהאלטן זייערע נעסטן, אז דו וועסט זיי פון דער ערשטער רעגע ניט באמערקן.

אָבער פּלוצעם איז פון צווישן קוסטל ארויסגעפלויגן א גרויינק, עטוואָס געלבלעך פייגעלע, און דאן האָבּן אלע קינדער באמערקט א קליין־קליינ נעסטעלע, וואָס איז באהאלטן צווישן די געדיכטע בלעטער. דאָס נעסטעלע האָט זיך געהאלטן אפּ דריַי צוויַיגעלעך און איז געווען זייער פּיַין אויס־געפלאָכטן פון דינע גרעזעלעך.

די כעוורע האָט זיך זייער געגלוסט אריַינקוקן אין נעסטל אריַין און זען, וואָס פארא אייעלעך דאָרטן ליגן. זיַינען זיי צוגעגאנגען נעענטער און דערזען, ווי סע ליגן דאָרטן פינף בלוילעך־גרויע פּיצינקע אייעלעך.

— אך, סארא פּיצינקע און שיינינקע אייעלעך! — האָט האליע די ערשטע ניט אויסגעהאלטן און געגעבן א געשריי. — איך וועל נאָר מיטן קליינעם פינ־גערל זיך עטוואָס אָנרירן און א גלעט געבן איינס.

וואסיל האָט ניט באוויזן איר עס צו פארווערן, ווי האליע האָט שוין שטיל אראָפּגעלאָזן דעם פינגער אין נעסט אריַין. אפ איר קוקנדיק האָט שוין מיקאָלקע אויך פאמעלעכקע ארויסגענומען איין אייעלע פון נעסט און עס באטראכט בא זיך אפ דער האנט. ס'איז געווען וואר'עם און זייער צארט.

ארום זיי כעוורע זיַינען אומגעפלויגן צוויי פייגעלעך און האָבן אומרויִק געפּישטשעט. דאָס האָבן זיי אזוי געבעטן די כעוורע, יענע זאָלן ניט אָנרירן די נעסט.

די קינדער האָבן זיך צו־זעט אָנגעקוקט אפ דער נעסט און זיַינען זיך אוועק צוריק. זיי האָבן זיך געשפּילט אין וואלד, האָבן געריסן בלומען און געכאפּט באבעלעך.

עטלעכע טעג זיַינען אוועק, און די קינדער האָבן בעסאָד איינס פונעם צווייטן גענומען אומגיין צו דער נעסט פון דער קראפּיווניצע. זיי פלעגן באטראכטן די אייעלעך און פארשאפן צאָרעס די פייגעלעך. אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז די פייגעלעך איז דערעסן געוואָרן די מיַיסע מיט די דערקיטשליווע קינדער. זיי האָבן מוירע געהאט, אז ווי סע וועלן זיך נאָר אויספּיקן די קליינע פייגעלעך, וועלן וואסילס כאוויירים קומען און זיי אוועקנעמען. דאן האָבן די קראפּיווניצעס זיך מעיאשעוו געווען, האָבן אָפּגעטרויערט און האָבן פארלאָזן זייער נעסט, ניט געקוקט דערוף, וואָס סע ביט אזוי גרינג אָנגעקומען זי אויסצובויען. א פריילינג א פריילינגדיקן געבויט — און איצט מוז מען נעמען און אוועקוואַרפן.

די פייגעלעך האָבן פארלאָזן זייער נעסט און זיַינען אוועקגעפלויגן אפ א צווייט אָרט אין טיפן וואלד אריַין, ווו די קינדער וועלן זיי מער ניט אָפּזוכן.

אנומלטן איז וואסיל געקומען געוווירע ווערן די נעסט. ער טוט א קוק — די נעסט איז ליידיק, די פייגעלעך זיַינען שוין דאָ לאנג ניטאָ. ער האָט א טאפּ געטאָן די אייעלעך, זיַינען זיי קאלט. וואסילן האָט זייער באנק געטאָן די דאָזיקע מיַיסע, און איצט האָט ער געוווּסט אפ געוויס, אז ער וועט שוין מער־קיינמאָל ניט פירן קיין קינדער צו קיין נעסטן, אפילע מע זאָל אים געבן פּרוזשינעס, שטיקלעך בלעך אפ א שווערד און אפילע מערער ווי צען מאָל אויסשיסן פון א ראָהאטקע.

וויִאַזוי זשוקעס האָבנ באַגראָבנ אַ מויז

אינ איינעמ אַ באַטאָג איז די וואַלד־מויז אַרויסגעגאַנגענ שפּאַצירנ. זי איז גאָר ניט ענלעכ צו דער מויז, וואָס האַלט זיכ אופ אינ שטוב, צו דער, וואָס האָט דאָרט אינ ווינקעלע אונטערנ באַנק זיכ דורכגעגראָבנ אַ נאָרע. די וואַלד־מויז איז אַ געלבלעכע, אונ דער בויכ איז בײַ איר אַ ווײַסער. ווינטער וווינט זי זיכ אינ וואַלד, אונ בלויז אום ווינטער קלײַבט זי זיכ אַמאָל איבער אינ שײַער אַרײַנ אונ הריזעט אָפּ די קערנער.

אָט איז זי איצט אויכ אַרויסגעקראָכנ מיטיק עסנ אונ זיכ אָביסעלע אַ וואַרעמ טאָנ אָפּ דער זונ. זי איז אָפּגעלאָפּנ ניט ווײַט פונ איר נאָרע אונ זיכ צוגעזעצט אָפּ די הינטערשטע פּיסלעכ, קוקט זיכ אַרומ אָפּ דער געגנט. אינ וואַלד איז עפּעס טומלדיק, העכער אַביסל יאָגט אום דער ווינט, פייגעלעכ זינגענ...

אָט אַזוי האָט זיכ די מויז פאַרטראַכט אונ ניט באַמערקט, ווי אַ געזונטע קײַע האָט פּלוצעמ צו איר אַ שפּרונג געטאָנ, האָט אָנגעבויגנ די נאָז צו דער ערד אונ זיכ אַוועקגעלאָזט גלײַכ צו דער נאָרע, צוגעלאָפנ, באַשמעקט די לאָכ אונ זי גענומענ צעגראָבנ מיט דער געזונטער לאַפּע. קענטיק, אַז זי האָט געוואָלט דאָרטנ אויסגראָבנ אַ פּאָר קליינע מײַזעלעכ. אָבער ווי זי האָט דערזענ די אַלטע מויז, האָט זי זיכ צו איר אַ לאָז געטאָנ, אונ ס׳האָט קיינ סאַכ ניט געדויערט, ווי די מויז איז שוינ געווענ אַ טויטע באַמ הונט מורקאָ אינ די ציינ.

דאָ זײַנענ אָנגעלאָפנ די כעוורע אונ האָבנ דערזענ, אַז מורקאָ זייערער האָט געכאַפּט אַ מויז. מורקאָ איז ביכלאַל געווענ אַ מאַזיק אונ אַ

בעריע אפ די דאָזיקע שעדיקער. ער פלעג זייער פלינק פארטיק ווערן מיט יעדער מויז אָדער זיסעלע.

די כעוורע האָבן זיך ארומגעשטעלט ארום דעם הונט. דער לעצטער האָט שוין ארויסגעלאָזן פון מויל די רויב זײַנע. די כעוורע האָבן באַטראכט די מויז, ווי סע געהער צו זײַן. דערנאָך האָבן זיי א רופ געטאָן נאָך זיך דעם הונט, ער זאָל גיין מיט זיי אין וואלד ארײַן, און דאָס טויטע באשעפעניש האָבן זיי איבערגעלאָזן לעבן דער נאָרע.

און די באגרעבער־זשוקעס — יענע דערשמעקן נאָך פונדערווײַטנס, וווּ עס ליגט א טויט כײַעלע, און ווײַזן זיך באלד אראָפּ צום דאָזיקן אָרט, קעדיי עס צו באגראָבן.

אָט האָט זיך צעהודעט דער ערשטער זשוק מיט זײַנע פליגל. ער איז געפלויגן א ווײַלינקע ארום דער מויז, און דערנאָכדעם געגעבן א פאַל גלײַך אפ איר. ער האָט זאכלעך זיך דורכגעשפאצירט איבער דער מויז, האָט געכאפּט א קוק אי אויבן, אי אונטן.

דערווײַל איז שוין אָנגעפלויגן א צווייטער, פונקט, סע זאָל פעלן א האָר, ווי דער ערשטער. שווארצע פליגעלעך מיט העל־ראָזעווע פלעקן, א לאנגינקער, מיט א שווארצ קעפל און מיט שווארצע באוועגלעכע וואָנצעלעך.

גלײַך נאָך אים איז שוין געקומען צו פליען א דריטער, א פערטער... אזוי האָט זיך דאָ אָנגעקליבן א גאנצער ארטעל מיט זשוקעס־באגרעבערס. זיי האָבן מיט א פארנומענעם אויסזען גענומען ארומפויזען ארום דער מויז, זיי שטעלן זיך אָפּ און גייען זיך פאנאנדער, פונקט ווי זיי וואָלטן זיך עפּעס געייצעט צווישן זיך.

באטראכט אלץ, ווי ס'געהער צו זײַן, און זיך דערוואַרט, ביז ס'האָט זיך אָנגעקליבן א גענוגע צאָל זשוקעס, — האָבן די באגרעבערס זיך גענומען צו דער ארבעט. זיי האָבן זיך צעפויזעט, זיך ארומגעשטעלט ארום דעם טויטן באשעפעניש און גענומען גראָבן די ערד אונטער דער מויזס קערפּער. ארום דער טויטער מויז איז שוין געלעגן פרישע ערד, וואָס די זשוקעס האָבן ארויסגעוואָרפן פון זייערע גריבעלעך. ס'האָט שוין גענומען טונקלען, און דער ארטעל ארבעט נאָך אלץ.

ענדלעכ, האָבנ זיכ די זשוקעס אוועקגעלאָזנ אפ אָפרו, אונ גאנצפרי־ האָבנ זיי זיכ פונסנײַ גענומענ צו דער ארבעט צוזאמענ מיט די פריש־צוגעקומענע.

עטלעכע טעג דורכאנאנד האָבנ די זשוקעס געהאָרעוועט. די מויז האָט אָנגעהויבנ פאמעלעכנ זיכ אראָפרוקנ אינ דער ערד, אונ אז די זונ איז שוינ געשטאנענ הויכ אינ האלבנ טאָג, האָט די טויטע מויז זיכ שוינ אינגאנצנ באהאלטנ אונטער דער ערד. דאָ האָבנ די באגרעבערס צוגעטרייסלט די טויטע מויז פונויבנ מיט דינער ערד, אונ ערשט איצט האָבנ זיי דערזעג, אז זיי זײַנענ פארטיק מיט דער ארבעט.

זיכ אָפגערוט אביסל אפ דער פרישער ערד, האָבנ זיי זיכ פונסנײַ אופגעהויבנ אונ זיכ צעפלויגנ אינ אלע זײַטנ, טאָמער וועלנ זיי ערגעצ ווײַטער אָפזוכנ א פריש טויט כײַעלע, וועלנ זיי עס אויכעט באגראָבנ.

די זשוקעס האָבנ באגראָבנ די מויז, אונ אינ עטלעכע טעג ארומ זײַנענ די קינדער דורכגעגאנגענ פארבײַ דעמ ·זעלביקנ אָרט, ווו מורקאָ האָט דערוואָרגנ די מויז, האָבנ זיי זי שוינ ניט געפונענ...

דער פויגל דער באלטאכלעס

צווישנ דעמ געדיכטנ קרייצ־דאָרנ מיטנ שווארצ־דאָרנ האָבנ די כעוורע זיכ אויסגעלערנט זייער גוט דורכקריכנ. געקראָכנ איז מענ איבערנ הויכנ פרישנ גראָז. טאָמער טוט דאָרטנ די קראָפּעווע א ברי, איז עס ניט אזוי שרעקלעכ. דאָ איז זייער ציקאווע אונ סע שטיל אויכ. בלעטער, בלעטער, אומעטומ בלעטער. די געדיכטע צווײַגנ האָבנ זיכ איבערגעפלאָכטנ צווישנ זיכ. גיי זײַ א בעריע אונ זוכ דאָ אָפּ די כעוורע. דאָ איז טאקע עמעס גוט, מע קאָנ זיכ דאָ באהאלטנ, אז מע וויל, אפ א גאנציקנ טאָג. די כעוורע האָבנ דאפקע ליב צו וואנדערנ אזוי איבערנ וואלד. זיי האָבנ ליב אָפּזוכנ ערטער, ווו ס'איז נאָכ קיינער ניט געווענ.

א ווינטל האָט א שורשע געטאָנ צווישנ די בלעטער אונ איז דורכגעלאָפנ ווײַטער.

דער ערשטער רוקט זיכ דורכ צווישנ דער געדיכטעניש וואסיל, אונ מיקאָלקע נאָכ אימ. אָט איז עפּעס וואסיל געבליבנ שטיינ, זיכ גענומענ אײַנקוקנ פּאָרויס, אונ ער האָט באלד א רופ געטאָנ צו זיכ דעמ כאווער זײַנעמ.

— זע נאָר, מיקאָלקע, סארא מינ זשוק! גרינ, ווי גראָז. אכ, סארא שיינער, אָנאָ איז ער אנשלאָפנ געוואָרנ אפנ בודיק.

— ווי ער גלאנצט! איכ האָב נאָכ קיינמאָל ניט געזענ אזא,— האָט מיקאָלקע צוגעגעבנ.

— אונ איכ אויכ ניט,— האָט וואסיל מוידע געווענ,— מע דארפ אימ נעמענ מיט זיכ.

און וואסיל האָט אַרײַנגעלייגט דעם זשוק אין אַ פּושקעלע, און זײַזײַנען אַוועק ווײַטער.

פּלוצעם איז וואסיל פאַרגליווערט געוואָרן אויפן אָרט. הינטער אים האָט זיך מיקאַלקע אויך פאַרטײַעט...

— טססס... — האָט וואסיל שטיל אַ מאַך געטאָן מיטן פינגער. — ווילסט אַ קוק טאָן, וואָס דאָרטן טוט זיך?

איז מיקאַלקע דורכגעקראָכן פריִער און זיך גענומען פאַרוווּנדערט אײַנקוקן אַהין, וווּהין זײַן כאַווער האָט אים געוויזן.

אָך, טאַקע וווּנדער איבער וווּנדער. אַנטקעגן איז געזעסן אַ פויגל, ענלעך אויף אַ שפּאַק אָדער אויף אַ שטאַר, נאָר אַביסל אַ געלבלעכער מיט אַ ווײַסער ברעם און מיט ראַבע פליגעלעך. דער פויגל איז געווען אַזוי פאַרטאָן, אַז ער האָט אפילו ניט באַמערקט אונדזערע וואַנדערער. אָבער מיט וואָס איז ער עס אַזוי פאַרטאָן, דער פויגל? ער האַלט אין פּיסק אַ קליין, האַלב־נאַקעט אויפעלע און באַמיט זיך עס אָנשפּיליען אויף אַ שטעכלקע פונעם שוואַרץ־דאָרן. ער אײַלט זיך אַרום דעם אויפעלע, אַרבעט מיט אַלע איבֿורים — סײַ מיט די פּיסלעך, סײַ מיט די פליגעלעך, אָבער דאָס אויפעלע וויל זיך נאָך אַלץ ניט אַרופשטעקן אויפן דאָרן. דאָס אויפעלע איז שוין, פאַרשטייט זיך, לאַנג ניט קיין לעבעדיקס, ווײַל דער פויגל האָט אים צעפּיקט דאָס קעפּל נאָך באַלד, ווי ער האָט אים אַרויסגעגאַנוועט פון נעסט.

די כאַווערע האָבן לאַנג באַאָבאַכטעט, ביז דער פויגל האָט טאַקע סאָף־קאָלסאָף אַרופגעשטאָכן דאָס אומגליקלעכע אויפעלע אויף אַ שטעכלקע פונעם שוואַרץ־דאָרן. דערנאָך האָט דער אַכזאָרישער פויגל זיך אַרומגעקוקט אַרום און איז ערגעץ אַוועקגעפלויגן.

וואסיל האָט זיך פון אָרט ניט גערירט. ער האָט נאָר שטיל אַ זאָג געטאָן:

— דו ווייסט, וואָס פאַר אַ מין פויגל דאָס איז? ס׳איז אַ ווערגער־פויגל.

— אַ ווערגער־פויגל? און ער קאָן עס אַרופשטעכן? — האָט זיך מיקאַלקע פאַרכידעשט.

— און ער שטעכט אָנעט... — האָט וואסיל געענטפערט. — איך זע עס

אלײנ דאָס ערשטע מאָל! איצט וועל איך שוינ וויסנ, וואָס פאר א מינ באנדיט דאָס איז. דוכט זיך, א שטילינקער — אונ אזא מערדער! נישקאָ־שע, זאָל ער זיך נאָר פאקנ צו מיר אינ די הענט.

— אָהאָ, ער וועט שוינ בא אונדז אָפּלייזנ! — האָט מיקאָלקע פונ זײַנ זײַט אויך א דראָ געטאָנ מיט א שטילנ קאָל, אונ איז טאקע גלײַך אנשוויגנ געוואָרנ.

איצט איז שוינ דער ווערגער צוריק דאָ. אָנאָ האָט ער זיך אוועק־געזעצט אפ א שפיצ פונ א טרוקנ צווײַגל אונ האלט אינעם שנאָבל א געזונטנ זשוק.

די כעוורע זײַנענ פארגליווערט געוואָרנ אפ די ערטער אונ האָבנ זיך גענומענ צוקוקנ צומ באנדיט, וואָס וועט ער עס איצטער טאָנ.

דער ווערגער האָט זיך דאפקע ארומגעקוקט, אָבער ער האָט, ווײַזט אויס, די כעוורע ניט באמערקט, וואָרעמ ער האָט ווײַטער א שפרונג געטאָנ צו דעמ זעלבנ קוסט, ווו דאָס אויפעלע איז געהאנגענ אפנ שטעכלקעלע. דער ווערגער האָט זיך אומגעקוקט נאָכאמאָל אונ האָט מיט גרויס פלײַס גענומענ אָנשטעכנ אפ א צווייטער שטעכלקע דעמ זשוק. ער שפרינגט אונטער אפנ צווײַגעלע אי רעכטס, אי לינקס, אָבער דער זשוק קאָנ זיך נאָך אלצ ניט אָנשטעכנ. דאנ האָט דער ווערגער אויסגעקליבנ א נײַע שטעכלקע אונ האָט אָנגעהויבנ אלצ פונסנײַ. ער האָט זיך אײַנגעקלאמערט מיט די פיסלעך פעסט אָנ דעמ צווײַגל, האָט זיך אָנגעלייגט מיטנ שנאָבל, אונ דער זשוק איז אויך געבליבנ הענגענ אפנ נעדעלע...

נאָכאמאָל באטראכט זײַנ ארבעט, האָט דער פויגל געכאפט א קוק אפנ ארומ אונ איז ווײַטער ערגעצ אוועקגעפליגנ אינ וואלד.

דאָ האָבנ שוינ די כעוורע מער ניט געקענט אויסהאלטנ. וואסיל האָט א זאָג געטאָנ:

— איצטער שוינ א זשוק.

— יאָ, א זשוק, — האָט מיקאָלקע איבערגעכאזערט.

— דאָס האָט ער, קענטיק, זיך דאָ באוואָרנט א גאָרקיך, — האָט וואסיל א שעפטשע געטאָנ.

— אָדער א קלאדאָווע, — האָט מיקאָלקע צוגעגעבנ, — אז סע וועט אימ

אויסגײַנ עסנ, וועט ער קומענ צו פליִענ אהער אונ וועט איבערבײַסנ פּר־נעמ גרייטנ.

— דאָס איז שוינ איינמאָל א באַלטאכלעס, — האָט וואסיל אויסגע־רופנ.

אונ די כעוורע האָבנ זיכ צוגערוקט נעענטער צומ קוסט, ווו סע זײַנעג געהאנגענ דעמ ווערגערס פארגרייטונגענ. דאָרטנ האָבנ זיי אָפּ־געזוכט בא א צענדליק זשוקעס מיט רויפּעס, וואָס זײַנענ געהאנגענ אפ שטעכלקעס, אונ פאר א צוגאָב דאָס איינע אויפּעלע.

וואסילקע האָט איבערגעציילט די זשוקעס:

— נײַנ זשוקעס אונ איינ פּייגעלע.

— איז דאָכ עס א נוציק פּייגעלע. אבי מיר האָבנ געוואָלט פונ אימ מאכנ א טעל. אויב ער איז אזא מינ באַלטאכלעס, טאָ זאָל ער זיכ עלטערנ אונ טאָנ זײַנ ארבעט, — האָט מיקאָלקע צוגעגעבנ.

— זאָל ער זיכ האָרעווענ. דערווײַל ווייסנ מיר, אז ער האָט זיכ ליב פארגרייטנ עסנ אונ פארזאָרגנ פאר זיכ א טאכלעס.

— אז מירנ קומענ, וועלנ מיר איטלעכנ דערציילנ, — האָט וואסיל גע־זאָגט מיט פרייד, אונ די כעוורע האָבנ זיכ א לאָז געטאָנ אפ צוריק.

אינדערהיימ האָבנ וואסיל מיט מיקאָלקענ דערציילט פאר איטלעכנ, וואָס זיי האָבנ געזענ, אונ דערנאָכ האָבנ זיי געהאט אנ ארבעט פירנ די כעוורע אהינ אינ וואלד ארײַנ אונ זיי באווײַזנ דעמ ווערגערס שפּײַכלער.

האליע

אויסגעמיטן דעם גאָרטן, זײַנען די כעוורע ארויסגעלאָפן אפ די לאָנקעס, וואָס גייען צום וואלד־צו. לעם סאמע פלויט זײַנען געוואקסן בוזינעס אין דערנער־קוסטן. אפ דינע הויכע שטענגלעך איז נאָך העכער פונעם פלויט געוואקסן געדיכטע קראָפּעווע. דערום איז געווען גאָר ניט אזוי גרינג צו קריכן צווישן די קוסטן, ווײַל די קראָפּעווע פלעג בריען די הענט, די פיס און אפילע דאָס פּאָנעם. מעגסט זיך היטן, ווי דו ווילסט, און אָפּבריען וועסטו זיך סײַווי.

אזויארום האָט זיך די קראָפּעווע אָנגעפרעגט אסאך סאָנים, באזונדערס צווישן דעם קינדווארג. וואסיל, מיקאָלקע און אויך די איבעריקע כעוורע, וואָס זײַנען ארויס אפ די לאָנקעס זיך שפּילן, האָבן אפ איר געטראָגן א הארצ. יעדערער פון די כעוורע האָט געהאט בא זיך אין דער האנט א הילצערנע אויסגעשניצטע שווערד מיט א דראָטן הענטל. בלויז אין וואסיל האָט געהאט אן עמעסע שווערד, א בלעכענע.

די כעוורע האָבן באשלאָסן פארפירן א מילכאָמע מיט זייער סוינע — דער קראָפּעווע.

זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין א גלײַכער שורע, זיי האָבן אופגעהיבן די שווערדן און מיט קאמפס־געשרייען זיך א לאָז געטאָן פאָרויס.

זיי זײַנען געקומען צו יאָגן צו די קושטשעס און האָבן אָן ראכמאָנעס אָנגעהויבן האקן די גרינע שטענגלעך קראָפּעווע.

— וועסט ווײַטער בײַסן? — האָבן זיי געשריגן. — וועסט בריען? וועסט באקן? זאָג!!

אָבער די קראָפּעווע האָט געשוויגן. די קעפּלעך האָבן זיך געבויגן, אונטערגעהאקט דורך די הענט פון די בראווע קריגס־לײַט...

פארטיק געוואָרן מיט איין ווינקל, האָט זיך וואסיל א וואָרף געטאָן צום צווייטן און אָנגעהויבן אויסראָטן דעם פּײַנט. ער האָט געגעבן די רעכטע עטלעכע זעץ מיט דער שווערד, און די קעפּ פון דער קראָפּעווע האָבן גלײַך גענומען פאלן. ער האָט זיך ווידער פארמאָסטן און האָט זיך אָבער פארהאקט. די האנט האָט זיך פארהאלטן אינדערלופטן, און וואסיל האָט זיך גענומען אײַנקוקן מיט גרויס פארוווּנדערונג.

צווישן דער קראָפּעווע איז פונקט אנטקעגן אים געזעסן א שווארץ האָלקעלע און האָט געקוקט אפן יאטל. וואָס דארף מען אסאך? — ס'איז אפילע ניט אנטלאָפן. נאָך דעם, ווי דאָס האָלקעלע האָט שוין גוט באַטראכט דאָס יינגל, האָט עס ערשט צעעפנט דעם שנאָבל מיט די געלע יאסלעס און האָט א פּישטשע געטאָן.

איצט האָט שוין וואסיל אקוראט פארשטאנען, וואָס דאָס האָלקעלע וויל. סע וויל עסן.

— כעוורע, גיכער אהער! איך האָב עפּעס געכאפּט! — האָט וואסיל אויסגעשריגן.

— געדענק, סע זאָל אָבער זײַן פאר איטלעכן, — האָט מיקאָלקע געענטפערט און איז געקומען צו יאָגן דער ערשטער. באלד זײַנען אויך די איבעריקע כעוורע אָנגעלאָפן און זײַנען פארוווּנדערט געבליבן שטיין. פאר זיי איז געזעסן א שיין האָלקעלע און האָט מיט א ברייט צעעפנטן שנאָבל געבעטן עסן.

מיקאָלקע האָט אין איין אויגנבליק געקריגן א גרויסע רויפּע און דערלאנגט דעם אויפעלע אין סאמע פּיסק ארײַן. דאָס האָלקעלע האָט די רויפּע אראָפּגעשלונגען מיט גרויס כיישעק. אָבער דער דאָזיקער איבערבײַס האָט ערשט צערייצט באַם אויפעלע דעם הונגער, ס'האָט נאָך ברייטער צעעפנט דאָס שנאָבעלע און גענומען ראכמאָנעסדיק קלאפּן מיט די פליגעלעך און בעטן עסן.

— ס'איז הונגעריק, — האָט וואסיל אויסגעשריגן, — אנו, כעוורע, כאפּט נאָר אָן אביסל זשוקעס.

די כעוורע האָבן זיך צעשאָטן אין אלע זײַטן און מע האָט אָנגעהויבן דערלאנגען אהער שפּײַז. דאָס האָלקעלע האָט מיט גרויס זשעדנעקײַט

געכאפּט די געבּראַכטע אינזעקטן, די ווערעם, און האָט זיי געשלונגען מיט־
גרויס אימפּעט.

די כעוורע איז די מײַסטע שטאַרק געפעלן געוואָרן און זיי האָבן זיך
נאָך מיט מער פלײַס אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט.

— זע נאָר, זע, אַ גאַנצן היישעריק אײַנגעשלונגען, — האָט וואַסיל
אויסגעשריגן צו די כעוורע.

— אַ לעבעדיקן?

— אַ לעבעדיקן!

און די כעוורע זײַנען אַוועקגעלאָפן קריגן נאָך עפּעס.

ענדלעך, האָט דאָס אויפעלע אָנגעהויבן אַרויסווײַזן ווינציקער כיישעק
צום עסן, ביז ס'האָט שוין אין אַ ווײַלע אַרום מער דאָס מויל ניט גע־
וואָלט עפענען.

ווען עמעצער פון די כעוורע האָט דעם אונטערגעשטופּט אפילע דעם
געשמאַקסטן זשוק, האָט דאָס האַלקעלע גענומען און אָפּגעקערעוועט דעם
קאָפּ.

— זיך שוין אָנגעגעסן, — האָבן די כעוורע באַשטימט.

— זע נאָר, סע דרעמלט. אָנאָ האָט עס פאַרזשמורעט די אויגן, — האָט
מיקאָלקע אַ ווײַז געטאָן.

און ווירקלעך, דאָס אויפעלע האָט זיך צוגעזעצט אפן גראָז און גע־
כאַפּט אַ דרעמל נאָך אַזאַ מין זאַטן און געשמאַקן מיטיק.

— זאָל עס זיך אָפּרוען, — האָט זיך וואַסיל אָנגערופן, — שלאָף, האַליע,
שלאָף.

ווי דאָס ייִנגל האָט אַזוי אָפּגעזאָגט, האָט דאָס האַלקעלע אים פאַרוווּנ־
דערט אָנגעקוקט, און דערום האָט וואַסילקע פריידיק אויסגעשריגן: — זע
נאָר, ס'פאַרשטייט, ווי אַזוי מע רופט עס. איך וועל דעם טאַקע אַ נאָמען
געבן האַלקעלע, „האַליע". האַליע וועט וווינען בּאַ מיר צוזאַמען מיטן
בלויערל, ס'וועט זיי זײַן בּיידן פריילעכער.

די כעוורע האָבן גאָרניט געהאַט קעגן. מע האָט צוגענומען דאָס אוי־
פעלע און עס אַוועקגעטראָגן אַהיים.

ווי נאָר וואַסיל האָט זיך אַרײַנגעוויזן מיטן האַלקעלע אין שטוב אַרײַן,
האָט אים די מאַמע גלײַך באַגעגנט מיט די ווערטער:

— איך זע שוין, אז דו ווילסט דאָ עפּענען א גאנצן זווערינעץ, אלע פויגלען פון וואלד וועסטו אריבערטראָגן אין שטוב אריַין.

— קום נאָר אהער, מאמע, טו א קוק, סארא מין האלקעלע דאָס איז. עס האָט קיין מוירע נישט, און מע רופט עס האליע!

וואסילקאָ האָט אוועקגעזעצט דאָס אויפעלע אפן צוויַיגל, וווּ דאָס בלויערל איז קעסיידער געזעסן. דאָס בלויערל איז גראָד אין דער רעגע אין שטוב ניט געווען. ס'האָט ערגעץ שפּאצירט אינדרויסן. דאָס פייגעלע האָט זיך שוין אזוי צוגעוווינט צו דער שטוב, אז סע מעג זיך א גאנצן טאָג ארומקריכן אין הויף, צי אין סעדל אף די ביימער, אָבער אז סע ווערט נאכט, מוז עס דיר אומבאדינגט קומען אין שטוב אריַין נעכטיקן. פליען האָט נאָך דאָס בלויערל ניט געקענט ווי סע באדארף צו זיַין, אָבער ס'פלעג שוין אונטערפליען פון איין אָרט אפן צווייטן.

אָבער איצט האָט דאָס בלויערל, קענטיק, דערהערט, אז סע טוט זיך עפּעס אין שטוב, האָט עס זיך ארופגעזעצט אפן פענצטער און מיט א קלוגן בליק באטראכט די מענטשן אינעווייניק. פּלוצעם האָט עס באמערקט דעם אומגעבעטענעם גאסט — דאָס האלקעלע, האָט עס געמאכט א ראש און האָט בייז א שפּרונג געטאָן צו זיך אפן צוויַיגל. דאָס האלקעלע האָט עס באקוקט מיט א רויִקן בליק פון זיַינע קליינינקע גרוילעכע אויגן. אָבער דאָס בלויערל האָט א שפּרונג געטאָן צו זיַין גאסט נאָך אנטשלאָסענער, האָט זיך בייז און צערייצט צעפּישטשעט און זיך ארופגעוואָרפן אפן האלקעלע. דאָס קליינע פייגעלע האָט זיך איַינגעקלאמערט מיט די נעגל אינעם האלקעלעס קאָפּ און גענומען עס פּיקן אין באקן.

איצט ערשט האָט זיך דאָס האלקעלע איבערגעשראָקן. וואסילקאָ האָט נאָך ניט באוויזן זיי פאנאנדערנעמען, ווי סע האָט זיך פּלוצעם צעטראָגן איבער דער גאנצער שטוב:

— קרא־קרא־קרא!

דאָס הילפלאָזע אויפעלע, וואָס האָט זיך נאָך ניט אויסגעלערנט שלאָגן און זיך פארטיידיקן פונעם פיַינט, האָט זיך בלויז צעקראקעט הויך אף א קאָל.

אָבער דאָס איז שוין אויך געווען גענוג. נאָך א פּאָר מאָל זיך צעקרא־

קעס, און דאָס בלויערל האָט אין איינע שרעק געכאפּט און איז אָפּגע־
טראָטן. באַם יונגן האלקעלע איז געוועזן צו א ביזע שטים.

— קאָקא האָט בײַגעקומען, בײַגעקומען — האָט זיך וואסילקאָ צע־
שריגן. — זייער גוט, קאָקא, מוירע האָבן דארף מען ניט. שרײַ און פּיק עס,
סע זאָל צו דיר ניט קריכן, אָט אזוי וועסטו וואקסן א לײַט. קיינער וועט
דיך ניט דערוועגן טשעפּען!...

אין עטלעכע טעג ארום האָבן שוין בײדע פייגעלען געלעבט גוט צווישן
זיך, און זיי פלעגן רויק זיצן אין ווינקעלע, ביידע אף איין צווײַגל. זייער
א קאָמישע פּאָר באשעפענישן!

האליע איז זייער גיך געוואקסן. אין א וואָך ארום האָט זיך דאָס האל־
קעלע אזוי צוגעוווינט צו וואסילקאָן, אז סע פלעג נאָכלויפן נאָך אים אי־
בערן הויף, מאכנדיק בייס מײַסע מיט די פליגעלעך. טאָמער האָט מען הא־
ליען איבערגעצ ניט געזען, פלעג וואסיל נעמען שרײַען:

— האליע, האליע, האליע! — און דאָס אויפעלע פלעג זיך גלײַך פון
ערגעצ אראָפּווײַזן. דערפאר פלעג האליע קיינמאָל ניט פארשפּעטיקן צום
עסן. עס פלעג נאָכלויפן נאָך זײַן יונגן באלעבאָס אזוי לאנג, ביז יענער
האָט זיך געמוזט ארומקוקן און דעם געבן עפּעס עסן.

דער גאנצער הויף האָט ליב געהאט האליען, דאָס כײַעס.

די מײַסע מיט דער שאַפּע

איך האָב אָפּגערעדט מיט וואַסילן, מיר זאָלן אוועקגײן צום טײַך אױף א גאַנצן טאָג כאַפּן אָקונעס און שיסן קאַטשקעס.

וואָס איז די מײַסע, וואָס ער קומט ניט צו גײן, פאַרשטײ איך ניט. איך האָב זיך שוין אױסגעקליבן גײן, האָב שוין אַלץ באַוואָרנט און אָנגעהאָדעוועט מײַן וועוועריקע מיט די פײגעלעך. ניט אַנדערש, סײַדן נעם און גײ אַלײן. איך זאָל זאָגן, אַז וואַסיל האָט זיך הײַנט פאַרשלאָפן? טרעפט זיך דאָך מיט אים אַזעלכעס קײנמאָל ניט. פאַרקערט, אַז מיר רײדן אָפּ ערגעץ גײן גאַנצפרי, שטײט ער נאָך אױף פריִער פאַר מיר. ער איז א יעגער און א פישער זײער א פלײַסיקער!

איך וויל שוין גײן, ערשט איך הער — עמעצער האָט שטיל אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.

איך עפן אױף און דערקען גלײַך, אַז וואַסיל האָט מיט זיך געבראַכט עפּעס נײַס. מע קען שוין אין זײַנע אױגן דערקענען, וואָרעם זײ שמײכלען זיגעריש און גלאַנצן אַזש.

— גײ אַרײַן, וואַסיל סידאָראָוויטש, — פאַרבעט איך דעם גאַסט מײַנעם, — וואָס האָסטו זיך עפּעס הײַנט אַזױ פאַרשפּעטיקט?

וואַסילי האָט אָפּגעזאָגט זײַן גוט־מאָרגן און צום אַלעם ערשטן גענומען באַקוקן אַלע מײַנע שטײַגעלעך, די ביקס, די וועוועריקע, וואָס האָט א שפּרונג געטאָן פון טיש און איז אַרונטער צו זיך אונטערן אױוון.

מײַן וועוועריקע וויל זיך בעשום־אופן ניט צוגעוװינען צו וואַסילן. אױסער מיך אײנעם, אנערקענט זי מער קײנעם ניט.

די דאָזיקע וועוועריקע האָבן מיר בײדע, איך מיט וואַסילן, אױסגעהאָדעוועט פאַרן זומער. זי איז געווען קלײן, ווי א מײַזעלע, און איצט

איז זי אזא געלבלעכ־רויטע שיינהײַט, אז עס פארכאפּט דאָס אויג. זי איז א פריילעכע, א קאָמישע און מיט אזא מינ פוכיקנ שיינעמ עק.

אונדזער וועווערקע איז שוינ אינגאנצנ א שטובּיקע, זי עסט מאמעש בא מיר פונ האנט...

וואסיל סידאָראָוויטש האָט דאָס אלצ באטראכט. נאָר ביסמײַסע האלט ער פעסט צו זײַנ נײַ היטל, אז אפילע קיינ שפּעלטיקל זאָל זיכ פונ דעמ ניט עפענעו.

ער שווײַגט, שווײַג איכ אויכ, איכווארט, וואָס וועט ער דערציילנ.

ביז וואסיל האָט טאקע ניט אויסגעהאלטנ און מיר דערלאנגט זײַנ היטל.

— טו א קוק, וואָס איכ האָב געבראכט, נאָר פאמעלעכנ... בא אונדז אפנ גאָרטנ נאָרוואָס געכאפּט, דערפאר האָב איכ זיכ טאקע אזוי פאר־שפּעטיקט.

אינ היטל איז בא אימ געזעסנ א פּיקהאָלצ — שווארצ, אז ער גלאנצט אזש. דער שנאָבל איז בא אימ שטארק, ווי א דאָלאָטע. אי שטארק, אי שארפ. וואָרעמ דער פּיקהאָלצ האָט דאָכ אנ ארבעט פּיקנ די ביי־מער מיטנ שנאָבל און פונ דער קאָרע ארויסקאלופּענ אלערליי זשוקעלעכ און פליגעלעכ.

אנ אויסגעצייכנטער פּיקהאָלצ, נאָר עמעצער האָט אימ אונטערגעשלאָגנ א פליגל, דערומ האָט ער ניט געקענט אוועקפליִענ.

האָבנ מיר ביידע גוט באטראכט דעמ פּיקהאָלצ, ניט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט זיכ אפּ אונדז גערויגעזט, און ס׳איז בא אונדז געבליבנ, אז מירנ אימ האלטנ בא מיר, ביז דער פליגל וועט זיכ אימ פארהיילנ, וואָ־רעמ אויב מיר וועלנ אימ איצט ארויסלאָזנ, וועט אימ נאָכ עמעצער אופּעסנ.

מיר האָבנ אראָפּגעלאָזנ דעמ פּיקהאָלצ אפנ דיל. ער האָט לעפּיש זיכ גענומענ פלאָנטערנ, איז פארקראָכנ אונטער דער שאפע און זיכ דאָרטנ באהאלטנ.

די שאפע אונדזערע, שוינ א גאנצ אלטע, איז זיכ געשטאנענ אינ סאַ־מע ווינקעלע. און אונטער דער זעלבער שאפע איז עס דער פּיקהאָלצ ארונטערגעקראָכנ.

מיר האָבן אים אוועקגעשטעלט וואסער, איבערגעלאָזן עסן, דערנאָך האָבן מיר פאַרנומען אונדזערע יעגער־מאכשירים, האָבן פאַרשלאָסן די שטוב און זײַנען אינדערגיך אוועק צום טײַך.

דאָס איז געווען זייער א געראָטענער טאָג! מיר האָבן אָנגעכאַפּט אָקו־נעס און האָבן אָפּגעקאָכט אַפן ברעג א גוטע ק[illegible] מיר האָבן דערשאָסן דרײַ קאַטשקעס.

און די אָקונעס האָבן זיך אַזוי גוט געכאַפּט, אַז שלעפּ און שלעפּ, און ס׳איז דאָ נאָך.

מיר האָבן זיך אַזוי פאַרטאָן מיטן פישפאַנג און מיטן געיעג, אַז דער פּיקהאָלץ איז אונדז אַפילע אַרויס פון זינען.

ערשט ווען מיר זײַנען שוין געווען לעם שטוב, האָט זיך וואסיל אַזוי־ווי אומגערן אָנגערופן:

— וואָס מאַכט עפּעס דאָרטן אונדזער פּיקהאָלץ? ער איז כאָטש ניט אַנטלאָפן געוואָרן?

אָבער דער פּיקהאָלץ האָט אַפילע ניט געקלערט אַנטלויפן. ער האָט אונדז נאָר אָנגעטאָן א גרויסן שאָדן!

מיר קומען אַרײַן אין שטוב און דערזען די אַלטע שאַפע אונ־דזערע — עס איז זי נישט צו דערקענען. צעדויבעט, צעפּיקט, פּונקט ווי מע וואָלט זי געקאָלופּעט מיט א דאָלאָטע. אין איין אָרט איז אַפילע דורכ־געבויערט א לעכל אַפ דורך און דורך. איבערן גאַנצן צימער וואַלגערן זיך שטיקלעך שפּענדלעך, און דער פּיקהאָלץ קוקט זיך נאָר אום קלוגיטשקער־הייט אַפ אונדז און זעצט זייער שוין פאַר זײַן אַרבעט. ער קריכט וואָס אַמאָל אַלץ העכער און האַלט אין איין פּיקן מיטן פּיסקל: טוק־טוק־טוק!

און שפּענדלעך שיטן זיך ווײַטער.

וואסילן איז אַזוי געפעלן דעם פּיקהאָלצס שטיקל אַרבעט, אַז ער האָט זיך ניט געקענט אײַנהאַלטן און גענומען קײַכן פאַר געלעכטער... וואָ־רעם די שאַפע איז אַזוי צעפּאַטערט געוואָרן, אַז סע שוין גאָר ניט שײַעך זי אַמאָל פאַריכטן.

איך וועל זיך מודה זײַן אָפן, ס׳האָט מיך אָנגענומען א שטאַרקער קאַס אַפן פּיקהאָלץ און איך האָב אים פאַרשפּאַרט אין א שטײַגל.

די וועווערקע

מײַן יועווערקע האָב איך געבראַכט צו טראָגן פֿון וואַלד אין קעשענע בא זיך, — א קליינס איז דאָס נאָך געווען. ס'איז, קענטיק, ארויסגעפאלן פון דער נעסט און ס'איז זיך אָן שום פארדאַכט געזעסן אפ א קליין ני־דעריק צווײַגעלע. קעדיי קיינער זאָל עס ניט אופעסן, האָב איך באשלאָסן צונעמען די וועווערקע אהיים צו זיך.

האָס איז אזא קאָמיש און פריילעך כײַעלע, און סע איז דאפקע זייער גיך אויסגעוואַקסן און זיך אינגאנצן צוגעוווינט צו מיר. די וועווערקע קריכט צו מיר אפן אקסל און פארקוקט מיר אלע מאָל אין האנט אריַין, טאָמער וועל איך איר עפעס געבן א נאש טאָן. זי האָט זייער ליב געשמאקע זאכן.

א ווינקעלע אפ ווינען האָט זי זיך אליין אָפּגעזוכט. באזעצט האָט זי זיך צווישן אויוון אין דעם שמאָלן אויוועלע, וואָס לעם דער לעזשאנ־קע. דאָרטן איז אי ווארעם, אי שטיל און פונקט ווי זי וואָלט געווינט אין אן אייגענער נאָרע.

איך האָב איר אהין צוגעשטעלט ניט קיין גרויס סטויפּטשיקל, האָט זי זיך גלײַך אפ דעם ארופגעכאפּט, ווי דער עמעסער פלינקער אקראָבאט. אָפּטער פארשפּאָרט זי אפילע אָנצוקומען צום סטויפּטשיקל, — זי טוט איין שפּרונג און טרעפט גלײַך פון דער ערד צו זיך אין אויוועלע ארײַן.

מיר האָבן אײַנגעמאָסטעט פאר דער וועווערקע א פּאָר ווייכע זאכן, אזוי אז זי איז שוין געווען באוואָרנט מיט א ווינונג.

טאָמער א ניסל אָדער א פּאָר יאָדערן, שלעפּט עס די וועווערקע אוועק גלײַך צו זיך אין נעסט ארײַן און זי נאשט זיך דאָרט אינדערשטיל, וויפל דאָס הארץ גלוסט.

גאנוועגען האָט זי דאפקע ניט ליב געהאט. סײַדן זי האָט זיך אמאָל דערלאנגט צום טעפל יאָדערן אָדער צו די יאגעדעס, דענסטמאָל פלעג זי שוין ניט ווארטן אפ קיין דערלויבעניש און אָנטראָגן צו זיך אין נעסט ארײַן אלערליי גוטס און מאכן דעם אָנשטעל, אז קיינער איז עפשער אפ איר קיין מייוון ניט.

ווען זי וועווערקע האָט אײַנגאנצן ניט געוואָלט אנערקענען, דאָס איז געווען מײַן כאווער וואסיל. וויפל ער האָט זיך ניט געפלײַסט צוגעוווינען זי צו זיך, האָט זי בעשומיפן ניט געוואָלט עסן בא אים פון דער האנט. און ס'איז שוין, ווײַזט אויס, א פארפאלענע זאך. ווי וואסיל פלעג זיך נאָר צו מיר ארײַנפוײַזן, אזוי פלעג די וועווערקע אראָפטאנצן גלײַך צו זיך הינטערן אויוון אָדער זי פלעג זיך פארשטעקן ערגעץ אפ דער שאפע און פון דאָרט גוט אכטונג געבן אפ אלץ, וואָס סע קומט אין שטוב פאָר.

וואסיל האָט שוין אפילע אָנגעהויבן טראָגן א הארץ אפ דער וועווערקע. דאן האָט זי זיך פאר אים נאָך מערער געשראָקן. קוים מיט צאָרעס האָב איך אײַנגערעדט דעם יינגל, אז די וועווערקע אנערקענט ביכלאל קיינעם ניט, אויסער מיך, ווײַל זי האָט זיך פון קלייבוויײַז אופ צו מיר צוגעוווינט.

איינמאָל ווײַזט זיך ארײַן צו מיר וואסילקאָ. זאָגן זאָגט ער גאָרניט, נאָר ער שטעלט זיך אלעמאָל אוועק אין אזא פאָזע, אז איך זאָל ווי עס איז באמערקן דאָס נײַע היטל, וואָס מע האָט אים געקויפט.

די עלטערן האָבן אים טאקע געבראכט צו פירן פון שטאָט א שיין בלוי היטל. אלע כעווריע האָבן אים שטארק מעקאנע געווען, און מיר איז אויך דאָס היטל געווען געפעלן. איך האָב עס גוט באטראכט, האָב געפרוווט עס אָנמעסטן אפ זיך — קריכט עס ניט ארופ.

וואסיל האָט זיך אפילע שטארק דערפרייט, וואָס זײַן היטל איז קליין אפ מיר. ווײַל טאָמער וועט זיך מיר אויך פארגלוסטן אזעלעכס, וועט ער זיך שוין ניט קאָנען אזוי בארימען מיט זײַן באנײַונג.

איך האָב דאָס נײַע היטל באטראכט פון אלע זײַטן, און ערשט דענסטמאָל האָט עס וואסיל זייער פאָרזיכטיק אוועקגעלייגט אפן קליינעם טישעלע, וואָס איז געשטאנען ניט ווײַט פון מײַן בעט.

מיר האָבנ גענומענ געבנ די פייגעלעכ עסנ אונ בײַטנ די וואסער אינ די שטײַגלעכ. דערנאָכ זײַנענ מיר ארויסגעגאנגענ א קוק טאָנ צו די טויבנ. דעמ וואכטל האָבנ מיר אָנגעשאָטנ אביסעלע הירזש. דערנאָכ זײַבענ מיר געזעסנ א ווײַלע אונטער דעמ עפלבוימ אונ מיר האָבנ באַהאנדלט אונדזערע וויכטיקע געשעפטנ.

שפעטער צו, אז וואסיל האָט זיכ שוינ אויסגעקליבנ גײנ אהײמ, האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז ס׳איז ערגעצ פארפאלנ געוואָרנ זײַנ נײַנק בלוי היטל. וואסיל איז בלײכ געוואָרנ אפנ אָרט, ער איז זײער צעטומלט געוואָרנ. ער האָט גאנצ גוט געדענקט, אז דאָס היטל האָט ער אוועקגעלײגט אפנ קלײנעמ טישל, אָבער אצינד איז דאָרטנ גאָרנישט ניט געווענ. אלײנ וועט דאָכ דאָס היטל אינערגעצ ניט אנטלויפנ, אונ דורכנ פענצטער וועט עס אויכ ניט ארויסשפרינגענ. ווו־זשע איז עס פאָרט אהינגעקומענ? מיר האָבנ שוינ איבערגעזוכט, ווו די וועלט האָט אנ עק! מיר האָבנ די גאנצע שטוב איבערגעריעט, זײַנענ שוינ געקראָכנ אונטער אלע טישנ אונ בעטנ. מיר האָבנ געקוקט אינ האנטפאס ארײַנ, טאָמער איז דאָס היטל דערטרונקענ געוואָרנ. וואָס דארפ מענ מער — מיר זײַנענ אפילע אומגעקראָכנ אפנ בוידעמ אונ זיכ אויסגעקאטשעט אינ שטויב, ווי די רוכעס. געזוכט שוינ אפנ אויוונ אונ אינ אויוונ, אלע ווינקעלעכ אויסגעזוכט. נישטאָ דאָס היטל, ווי אינ דער ערד אײַנגעזונקענ געוואָרנ.

ווי וואסיל האָט זיכ ניט געשעמט, האָבנ זיכ אימ דאָכ געשטעלט טרערנ אינ די אויגנ. דער יאט האָט זיכ שיר ניט צעווײנט אפ א קאָל, אונ איכ וואָלט אימ וועלנ טרײסטנ, ווײס איכ ניט מיט וואָס. איכ האָב אימ צוגעזאָגט, אז איכ וועל אומיסטנ פאָרנ אינ שטאָט אונ וועל אימ קויפנ א היטל נאָכ א בעסערס. אָבער וואסיל איז פעסט, אז קײנ בעסער היטל, ווי ער האָט געהאט, קאָנ גאָר אפ דער וועלט ניט זײַנ.

זײער אומעטיק איז וואסיל שוינ געשטאנענ בא דער טיר, גרײט אוועקצוגײנ. איכ האָב נאָכ געמוזט גײנ מיט אימ צו זײ אהײמ אונ זאָגנ דאָרטנ וואסילס עלטערנ, אז דאָס היטל איז פארפאלנ געוואָרנ בא מיר אינ שטוב, אונ וואסיל איז אינדרינענ ניט שולדיק...

איכ בינ שוינ אויכ געווענ לעמ סאמע טיר, ווי די וועווערקע האָט זיכ אומגעריכט א ווײַז געטאָנ אונ פרײלעכ א שפרונג געטאָנ גלײַכ אפנ טיש.

א מאָדנע זאַך, די גאַנצע צײַט, וואָס מיר האָבן געזוכט דאָס היטל, איז זי־ עפּעס ניט אַרויסגעקראָכן פון איר „נאָרע״.

ערשט דאָ האָב איך זיך דערמאַנט, אַז מיר האָבן פאַרגעסן אַ זוך טאָב באַ דער וועווערקע אין שטיבעלע. איך האָב אַרײַנגעשטעקט די האַנט אין אײַוועלע און טאַקע אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטן וואַסילס נײַ און רײַן היטל — טאַקע וואַסילס, און ניט קײנעמס.

וואַסיל סידאָראָוויטש איז אַזש אונטערגעשפּרונגען פאַר גרויס פרייד...

פאר גאָרניט אנטלויפט מענ ניט אזוי

טוט נאָר א קוק, סארא פארביקער דער וואלד איז! זומער איז ער געווענ גרינ, אונ איצטער איז הארבסט, אונ די בלעטער זײַנענ געל געוואָרנ, פונקט ווי עמעצער וואָלט אימ אויסגעפארבט, ד׳עמ וואלד, אינ א העל־געלנ קאָליר.

אָבער דאָס דוכט זיכ נאָר אויס פונדערווײַטנ אזוי, אז דער וואלד האָט איינ קאָליר, פרוווט צוגיינ נעענטער, וועט איר זענ, אז איינ בוימ איז געלבלעכער, דער צווייטער — טונקעלער. אונ אָטאָ שטייט א קוסט, זעט איר, וויאזוי ער האָט זיכ אויסגעפוצט גאָר מיט רויטע בלעטעלעכ.

די בלעטער פאלנ פאמעלעכנ אפ דער ערד, אָבער אָטאָ איז אָנגעפלויגנ א קאלטער ווינט, אונ די געלע בלעטער האָבנ גענומענ טאנצנ אינדערלופטנ, ווי א גאנצער מאבל.

דער ווינט האָט מיט זײַנע קאלטע קלעפ גענומענ ארומפליקנ פונ די ביימער זייער הארבסטיקנ מאלבעש, אונ ניט ווילנדיק בלײַבנ שטיינ די בערעזעס, די אָסיקעס, די אָלכעס מיט הוילע צווײַגנ.

פויגלענ ווערט אויכ אינ וואלד וואָס א טאָג ווינציקער. בלויז די סאמע דרייסטע פונ זיי האָבנ זיכ נאָכ ניט אוועקגעלאָזנ אינ ווײַטנ וועג צו דיווארעמע לענדער.

די כײַעלעכ האָבנ זיכ שוינ צוגעגרייט אפ ווינטער, בא אייניקע איז אָנגעוואָקסנ ווארעמע וואָל אפ פארטיידיקנ זיי פונ די פרעסט. דער שטעכלער איז שוינ אנשלאָפנ געוואָרנ אפ א גאנצנ ווינטער. ער שלאָפט אונטער א פעניאָק, אונטער א צודעק פונ געלע בלעטער מיט א פאָר שטיקעלעכ בוריאנ.

די וועווערקע האָט פאַרגרייט אין די בוים־אויסהוילן ניס, קערנער און זיסע געוויקסן.

אָט האָבן זיך אויסגעקליבן די כעוורע אין וואַלד אַרײַן אַף אַ שפּאַציר. ס'איז זייער פריילעך אַרומצולויפן איבער די ווייכע געלע בלעטער. זיי שורשען אַזוי מעכײַע אונטער די פיס.

אָטאָ לויפט וואַסיל, מיקאָלקע נאָך אים, און נאָך זיי ביידן אַ גאַנצע כעוורע.

— טוט נאָר אַ קוק, וויפל שטאַרן סע זיצן אַף די ביימער! — האָט מי־קאָלקע אויסגעשריגן.

— אוי, אַסאַך! — האָט אים וואַסיל איבערגעשלאָגן. — דאָס קער בא זיי פאָרקומען אַ האַרבסטיקע פאַרזאַמלונג, אַ באַראַטונג אַזאַ... זיי קלײַבן זיך, אַוואַדע, פליִען אין די וואַרעמע לענדער און זיי ווילן באַהאַנדלען, דורך אַ וועלכן וועג איז בעסער זיך לאָזן. אַך, וויפל דאָ טוט זיך.

— קומט, לאָמיר זיי אופטרײַבן, — האָט עמעצער פון די כעוורע אופ־געגעבן.

אַסאַך פליגל האָבן זיך רוישיק צערודערט, די פייגעלעך האָבן זיך צע־סווישטשעט. אַ שוואַרצער וואָלקן האָט זיך אופגעהויבן איבערן וואַלד, האָט זיך אַוועקגעטראָגן זייער שנעל צו דאָרעם צו.

די שטאָרן זײַנען אַוועקגעפלויגן פון אונדז ביזן פרילינג.

— קומט צו אונדז צו פליִען, מירן אײַך אַוועקשטעלן נײַע שטאַרן־שלאַקן! — האָבן די כעו־ זיי נאָכגעשריגן.

אָבער ווער ווייסט, צי די שטאַרן האָבן זיי געהערט. זיי זײַנען דאָך שוין געווען ווײַט.

די כעוורע האָבן לאַנג אומגעטאַנצט איבערן האַרבסטיקן וואַלד. די קילע זון האָט זיך גענומען באַהאַלטן צווישן די ביימער. דאַן האָבן די כעוורע פאַרקערעוועט אַהיים.

די כעוורע זײַנען שוין געווען קימאַט לעם בּרעג וואַלד, ווען מיקאָלקע האָט מיט זײַנע שאַרפע אויגן עפּעס באַמערקט.

— כעוורע, אונטערן פעניאָק מוז דאָ עפּעס זײַן. — און ער האָט זיי אַ ווײַז געטאָן אַף אַן אַלטן צעפוילטן פעניאָק, אונטער וועלכן ס'האָט זיך געפונען אַ נאָרע, וואָס איז געווען פאַרשאָטן מיט בלעטער און מיט גרעזעלעך.

— דאָרטן איז גאָרניט ניטאָ, — האָט־אים וואסילקאָ געענטפערט.

— און איך זאָג, אז ס׳איז יאָ דאָ. אין וויפל געוועט? — האָט מיקאָלקע זיך ווײַטער אײַנגעשפּארט. — אנו, לאָמיר נאָר פאנאנדערגראָבן די דאָזיקע נאָרע. עפשער וועלן מיר דאָ עפּעס אזעלכעס געפינען...

— ביטע זייער, גראָבן קען מען! אָבער איך ווייס אפ געוויס, אז דאָ איז גאָרניט ניטאָ, — האָט וואסילקאָ פארזיכערט.

— גאָרניט ניטאָ, גאָרניט ניטאָ, אז דו ווייסט גאָרניט ניט — דאָס איז אן עמעס... אנו, נעמט נאָר שטעקלעך און מירן זיך שטעלן גראָבן, — האָט מיקאָלקע פאָרגעשלאָגן.

די כעוורע האָבן אפגיך דערטאפּט און אָנגעבראָכן שטעקנס און האָבן זיך גענומען פאנאנדערגראָבן די נאָרע. זיי האָבן זיך אלע ארומגעשטעלט ארום דעם פעניאָק, האָבן אים ארומגערינגלט, און הײַדא גראָבן.

אָבער לאנג ארבעטן האָבן זיי פארשפּאָרט, וואָרעם דאָרט איז אפילע קיין נאָרע ניט געווען, נאָר א פּאָשעטע גרוב.

עטלעכע כעוורע האָבן א גראָב געטאָן, האָבן צעשארט די בלעטער און דערזען — אונטערן פעניאָק איז געלעגן א גאנצער קנויל מיט וויפּער־שלענג. זיי האָבן זיך איבערגעפלאָכטן איינס מיטן אנדערן אזוי, אז סע וואָלט גאָר ניט געווען מעגלעך זיי צעפלאָנטערן. בלויז די קעפּלעך זייערע די שלענגישע האָבן געסטארטשעט פונויבן.

ווי די כעוורע האָבן נאָר דערזען אזויפיל וויפּער־שלענג, זײַנען זיי אלע דערשראָקן געוואָרן, האָבן פארהויבן די פיס און גענומען מאכן פלייטע.

ערשט אפ די לאָנקעס זײַנען זיי געבליבן שטיין, האָבן א ווײַלינקע אָפּגערוט. דאן האָט זיך מיקאָלקע אָנגערופן:

— אבי דו זאָגסט, דאָרטן איז גאָרניט ניטאָ. פון גאָרניט ניט אנטלויפט מען דען אזוי?

— טוט נאָר אפ אים א קוק, פונקט ווי ער וואָלט ניט געלאָפן גלײַך מיט איטלעכן! — האָט וואסיל אָפּגעענטפערט. — דאָס עמעסע ביסל שלענג. זינט איך לעב, האָב איך נאָך אזויפיל ניט געזען.

— ,, ןס טוענ זיי דאָרט? — האָט מיקאָלקע א פרעג געטאָנ.
די כ־ורע זײַנענ אַלע געקומענ צו לויפנ צו מיר, אונ איך האָב זיי דערציילט, אז דאָס האָבנ נאָטערס זיך אופגעקליבנ אַלע אינײנעמ ווינטער האַלטנ.



אינהאלט

וואסיל סידאָראָוויטש און דער בלויער . . . 3
דער וואָלף און די גליטשערס . . . 10
פלוצעמדיקע שרעק . . . 14
פאַר פויגלען א גאָרקיכ . . . 18
א נעסט, וואָס איז געבליבן פוסט . . . 22
דער פויגל דער באַלטאַכלעס . . . 29
האַליע . . . 33
די מייַסע מיט דער שאַפּע . . . 40
די ווערוועקע . . . 43
פאַר גאָרניט אנטלויפט מען ניט אזוי . . . 47

רעדאקטאָר — ב. סטעפאנסקי.
טעכנישער רעדאקטאָר — מ. זארעצקי.
קאָרעקטאָר — אי. שטולמאנ

פאפיר 94×72 — 1/16 — 50 קג. 3 1/4 דרוק־
בויגנ. אינ 1 פאפיר־בויגנ 70 000 צייכנס.
טיראזש 1850 עקז. פארלאג 180 Є.
פירמע פאָליגראפישע פאבריק גומ אונ
קפ. קיעוו, רויטער פלאצ 2a. באשט.
1245. באפולמ. פונ הויפטליט № 3676.
אָפגעגעבנ אינ זאצ 13/IX—1937, אונטער־
געשריבנ צומ דרוק 22/XII—1937.